STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04180

GEKLIBENE LIDER

Sam Weinman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטער באַנד

געקליבענע לידער

— פון —

סעם ווײַנמאַן

פילאַדעלפיא
1935

20

מיינע יאָהרען

מיינע יאָהרען געהען, ווי—
די וואסער אין א טייך,
וואו זיי געהען זיג זאג,
וואו זיי געהען גלייך.

2

ווי א שנירעל פערעל,
ווי א בייזע שלאנג,
וואו מיט שטילקייט,
וואו מיט רויש און קלאנג.

3

און לויפען—לויפען זיי,
וואוהין ווער ווייס?
לויפען שטיל פאר׳חלומ׳ט—
אויפגערעגט און בייז.

4

און קומען, קומען זיי,
אין גרויסען טייך אריין,
וואו דער טיפער עלטער
באגעגענט זיי מיט פיין.

דו ביסט—

דו ביסט שנעל אוועק פון מיר,
מיט גיכע טריט געשפאנט,
די ליפען אָנגעשמירט,
די באקען רויט ווי בראנד.

2

איך האָב געקוקט אויף דיר,
געמערקט אין דיר די זאכען . . .
געעפענט האָסטו גיך די טיר—
גוט נאכט, געזאָגט אין לאכען.

3

איך האָב דיר נאָכגעקוקט,
א נאר האָב איך געטראכט . . .
זי געהט דאָך אוים גאָר היינט,
עס איז דאָך מיטוואָך נאכט . . .

מיין האַרץ

מיין הארץ איז דער ים—
טיף—און ברייט,
דאָרט ליגט דער פּערעל—
דאָרט ליגט דער טויט.

2

און קוק איך אויף
די שפּילעוודיקע וועלען,
זע איך פריידען דאָרט
און אומעדיקע זעעלען.

3

אָפט לויפען זיי מיט—
געוויין און כליפּען . . .
קושען זיך מיט ברעגען
ווי געליבטע מיט די ליפּען . . .

די מוזע זינגט!

די מוזע זינגט, איך קען ניט שלאָפען,
איך בין מיד די אויגען קלעפען . . .
בעט איך, מוזע ליבע!
הער מיך אויף צו טשעפען.

2

שלים איך מיינע ברעמען צו,
און זאָג צו איר גוט נאכט!
פיל איך ווי זי זינגט מיר,
זינגט און וויינט און לאכט.

3

ווער איך בייז און קער זיך איבער,
ווארף דעם צודעק איבער קאָפּ,
הער איך ווי זי לויפט מיר איבער,
ווי א סטאדע הירשען אין גאלאָפּ . . .

4

טראכט איך, טראכט, און וויין,
און זעץ זיך שוין אנידער . . .
און נעם זיך ווידער שרייבען
מיינע פערזען, מיינע לידער . . .

5

שרייב אזוי ביז שפעט אין נאכט,
בערג מיט פערזען אָנגעלאָפען,
זיץ איך, זיץ איך, און איך שרייב,
און ווער, שרייבענדיק אנטשלאָפען . . .

מיינע פליגלען

מיינע פליגלען צושפרייט איך,
ניט אויף דיר מיין פאָלק אליין,
און ניט אויף דיר וועל איך
אנטאָן, די מענשהייט-קרוין.

2

צו מיר איז יעדערער א ברודער,
ווי יעדער לאנד איז מיר א היים,
דער וואָס עסט ברויט דורך פראצע,
יענעם טראָג איך אין מיין געביין.

3

אויב דו ביסט פון שלעכטע זיטען,
און דיין הארץ איז גאל און סם,
גיס איך אויס אויף דיר מיין קללה,
נאָך טיפער, טיפער ווי דער ים . . .

דיינע לאָקען געגלעט

איך האָב דיינע לאָקען געגלעט,
דיינע אקסלען באקושט מיט געשמאק,
דיינע ליפּען הייליק באוואונדערט,
א צייכען געמאכט אויף דיין באק.

2

שטונדען נאָך שטונדען געשטאנען פאר דיר,
ווי א בעטלער אין הונגער נאָך ברויט,
ס׳האָבען זיך דיינע באקען געררויטעלט
ווי א שעהנער א ראָזעווער קוויט . . .

3

דו האָסט מיט וואונדער געקוקט אויף מיר
ווי דו וואָלסט מיר ניט פארשטאנען . . .
דו האָסט געפיהלט אין הארצען ברענט,
ליבעס-רייצונגען, און פלאמען . . .

4

דו האָסט מיר אין שטילקייט געפרעגט,
אומשולדיק, ווי א הייליק קינד,
און האָסט אין בליקען אויסגעזאָגט
אז מיין פארלאנג איז גאָר א זינד . . .

לאָזט מיר אַנטפּלעקען

לאָזט מיר אנטפּלעקען מיין הארץ,
עַנטבלייזען מיין נשמה פאר אייך,
איך זאָל קענען מיין בלוט צופליסען
ווי שטראָמען, אין א לויפענדער טייך.

2

און אָנצינדען זיי ווי לעמפּעלאך,
צוגיסען זיי אין שטערען פּראכט,
אז דער טאָג זאָל העלער ווערען,
און פאר׳חלומ׳טער די נאכט . . .

3

ס׳זאָל די וועלט אין וואקעל בלאָנדזשען
ווי עס בלאָנדזשעט אום דער בייזער ים,
זאָל מיין ליד דעם וועג דערווייזען,
מיין ליד! פון הארץ דער פלאם . . .

פארשלעפערט

די הארץ האָט די מוזע פארשלעפערט,
פארשלאָסען די טירען פון קומען,
איך קען זי מעהר ניט דערוועקען,
ווי א טויטע זי ליגט דאָרט אין שטומען.

2

קלאפּ איך אין טיר און איך בעט,
ערוואך און אנטפּלעק זיך פאר מיר,
עס ווערט נאָך בלאסער איהר שאָטן,
מעהר סודות, די פארשלאָסענע טיר.

3

וויין איך ווי א קינד א פארלוירענס,
און בלאָנדזשע ארום אין מיין צער,
הער איך ווי פּאמעלעך זי פּרעפעלט,
טרוימער! דו ביסט א קינד און א נאר...

וואָס שווערער

וואָס שווערער איהר וואַרפט מיר צו דר'ערד,
אַלץ העכער גיב איך אַ שפּרונג!
וואָס שטאַרקער איהר קלאַפּט מיינע גלעקער,
אַלץ הילכיקער הערט מען מיין קלונג . . .

2

וואָס מעהר פּיין איהר ברייננט מיין נשמה—
ווערט העכער דער לייטער פאַר מיר . . .
וואָס שטאַרקער איהר שמידט מיך אין קייטען—
אַלץ ברייטער ווערט אין הארצען די טיר.

3

און זעה איך אַ וואָלקען, אַ שטורעם,
מיט בייזקייט ער שפּילט און ער לאַכט . . .
און זעה איך די מורה אין שאָטנס—
מעהר ליב איך די פינסטערע נאַכט . . .

איהר מעגט שטיינער ווארפען

איהר מעגט אויף מיר שטיינער ווארפען,
מיט שפּאָט און חוזק באלאכען;
וועל איך אריבער די בערג—
דעם מדבר, דעם פלאכען.

2

און קומען וועל איך צו מיין ציעל,
און איהר וועט מיך דערקענען . . .
ווען בריינגען וועל איך ליכט,
א פאקעל צום ברענען . . .

3

אראָפּלאָזען וועט איהר די אויגען
און ווערען געדרויטעלט פון שאנד,
ס'וועט אין די הערצער אייך גליהען
א שרעקליכער, געוויטיגטער בראנד.

4

איהר וועט קומען מיט צינגער פון פוקסען,
מיר האָבען ניט פארשטאנען דיין גאנג.
איהר וועט פויזען פאר מיר ווי די ווערים,
און זינגען וועט איהר מיין געזאנג . . .

און צאַרט

און צאַרט איז דיין פּנים, ווי
די לבנה—דער הימלישער פלעק.
דיין ליבער געשטאַלט גייט—
פון מיר קיינמאָל אוועק . . .

2

אין דעם טאָג דעם העלען,
אין נאַכט פינסטערניש, שוואַרצער,
טראָג איך דיך אימער אַרום
געפלאָכטען אין מיין האַרצען . . .

3

און אז איך פאַרליר דיר!
ווער איך אויך פאַרלוירען,
איך זוך דיך אַרום, ביז
דו ווערסט ווידער געבוירען . . .

אויף די וועגען

אויף די וועגען פון מיין לעבען
האָב איך געבלאָנדזשעט זעהר פיעל,
און בין איך נאָהענט צו זיי געקומען
דערזעהען ווי שרעקליך ס'איז מיין ציעל...

2

וויל איך בלאָנדזשען, אייביק בלאָנדזשען,
און צום ברעג קיינמאָל ניט קומען,
זאָל די הארץ זיך צאפלען שרעקען,
זאָל מיין וואָרט אויף אייביק שטומען...

מלחמה!

עם קלינגען קאנאָנען —
מען שארפט שוין דעם שווערד,
מען לויפט שוין גאלאָפּען,
מען מושטירט שוין די פערד . . .

2

און מאמעס אין ציטער זיי קוקען,
צו די קינדער מיט שרעק,
זיי זעהען אין שאָטנס
דעם בלוטיקען פלעק . . .

3

מלחמה דער ביטערער פיינד
פון מענשליכען באשאף . . .
מלחמה דער ביטערער שונא
פון אָרעם, און שקלאַף . . .

4

אין ביטערער שלאכט, איז—
א ברודער א ברודער — א פיינט,
מלחמה איז גוט נאָר פאר ווערים;
און צו קראהן א ליעבליכער פריינד.

קום צו מיר!

קום צו מיר,
קום וואָס גיכער,
ברייגג מיר וויין,
א פולען בעכער.

2

טרינקען וועל איך,
ביז שיכור'ן פיין,
ניט לאָזען קיין טראָפּען
פון דעם ברויזיקען וויין.

3

און שפּעטער! גאָר שפּעטער!
וועל איך לייגען זיך שלאָפען,
און אויפשטעהען א נייער
און ווארטען און האָפען . . .

אין האַרצען ביי מיר

אין הארצען ביי מיר—
גייט אַן דאָרט א שלאכט,
עס פעכטען געפעכטען,
דער טאָג מיט דער נאכט.

2

און ווען איך זעה
וויביידע זיי בלוטען
פרואוו איך מיט בייזען,
פרואוו איך מיט גוטען.

3

הערט אויף נאראָנים,
די ביטערע שלאכט,
טאָג איז ליכט!
פינסטער איז נאכט!

4

ס'מוז זיין אזוי,
ס'קען אנדערש ניט זיין,
בארוהיגט זיך ביידע
און שלום זאָל זיין.

5

איהר האָט דאָך איין טאטען,
איהר האָט דאָך איין מאמען,
לעבט אין מיין הארצען,
בשלום צוזאמען . . .

נעכטען

נעכטען האָט דער ים געשטורעמט,
היינט איז ער גאָר שטיל,
נעכטען האָט די זון געוואַרעמט,
היינט איז זי גאָר קיהל . . .

2

איך בין דער נעכטען און דער היינט—
די וואַרעמקייט און קיהל,
איך לויף ווי וועלען אומגעלומפּערט
און געה פּאַמעלאַך שטיל.

3

קום איך שווין צום ברעג, שלאַג
זיך אָן מיט ווילדען קראַך,
ווייל איך לויפען באַלד צוריק—
בין איך מיד און שוואַך . . .

מיין פריינד

איך האָב דיר מיין פריינד!
א בריעף אָנגעשריבען,
ס'האָבען זיך הערצער,
צוקושט זיך אין ליבען . . .

2

און ווארעם אום ארעמט
און ליבליך באטראכט,
הערצער אין אומעט,
האָבען געוויינט און געלאכט.

3

קען אנדערש דען זיין?
קען אנדערש דען ווערען?
ווען צער איז דער זעלבער,
די זעלביקע טרערען . . .

4

מיר געהען און בלאָנדזשען,
און זוכען א ברעג,
אין פלאָנטער פון לעבען
וואו איז אונזער וועג?

יענע חלומות

וואו זיינען יענע חלומות
וואָס איך האָב אין יוגענד געוועבט?
וואו זיינען יענע פאנטאזיעס,
אין וועלכע איך האָב אימער געשוועבט?

2

וואו זיינען יענע טרוימען, וואָס—
זיינען אין צויבער געקומען . . .
וואו זיינען יענע דופטענדע גערטנער,
וואו זיינען די בליהענדע בלומען?

3

איך ווייס ניט וואו איך קען זיי געפינען?
איך ווייס ניט וואו—צו אָנפאנגען זוכען?
איך זעה ארום זיך בלויז די שערבלעך
פון פארזשאווערטע ברעקלעך און ברוכען.

4

מיר ווילט זיך זיי פרעגען אַ פראגע,
ווייל עס רייסט זיך פון הארצען געוויין,
איך קען אייך דאָך גאָרניט דערקענען . . .
איר זייט דאָך געווען אזוי פראכטפול און שיין.

5

מיר קוקען זיך אָן מיט טרויער . . .
ווי מיר וואָלטען זיך קיינמאָל געקענט . . .
ענטשולדיגונג האָבען מיר זיך געבעטען,
און צושיידט זיך קאלט—בלוטיק און פרעמד . . .

צו מיין קריטיקער

יעדער ווערימעל האָט זיין אייגענע וועגעלע
זיין אייגענעם שליאך.
יעדער פייגעלע האָט איהר אייגענע היימעלע,
איהר אייגענע דאך . . .

2

און איהר ווילט מיר א היימעלע געבען,
ווייזען מיין וועג ווי צו געהען . . .
איהר ווילט מיר א קעניגרייך געבען,
און אָנטאָן א קרוין . . .

3

איך וויל אין אייער היימעלע ניט וואוינען,
איך וויל ניט די קרוינונג געשאנק . . .
איך וועל בעסער בלאָנדזשען אליין!
און שלאָפען אויף א שטיינערנער באנק . . .

מיין קינד

איך דאנק דיר מיין קינד פאר דיין טרייסט—
פאר דיין אכטונג צו מיר און באנעם.
דיין האנדלונג היילט מיין נשמה,
מאכט גרינגער אין הארצען דעם קלעם.

2

דו ביסט ווי די טויב פון פרידען!
וואָס זאָגט אָן דער שטורעם איז אריבער.
וואָס מעהר איך ווער פון לעבען געמאטערט,
ווערסטו אין הארצען אלץ ליבער . . .

3

זאָג'זשע מיר צו, צו זיין נאָהענט,
און היטען דעם וועג וואו כ'וועל געהען,
אָפווישען פון מיינע אויגען די טרערען
ווען אין מיין צער ביטער איך וויין . . .

אַ זיסינקע מיינע—

אַ זיסינקע מיינע!
נעם מיך ארום!!
דו ביסט ווי די פלאנצונג,
ווי א שייניגקע בלום . . .

2

נאָר שטארקער און שטארקער—
פלעכט ארום דיינע הענט,
און שטארקער אין הארצען
דאָס פייערל ברענט . . .

3

ס'איז ליבער דער טאָג,
און שענער די נאכט.
ווען איבער מיר,
מיין ליבענדע וואכט . . .

4

מיין רוה און מיין שלאָף
ווערט זיסער און גרינגער,
מיר דוכט זיך איך ווער,
אין יאָהרען אויך אינגער . . .

ס׳פאלן די בלעטלאך

ס׳פאלן די בלעטלאך,
די זון איז מיד און בלאס,
דער הימעל טרויעריק—
די וואָלקענס גרוי און נאס . . .

2

די לופט מיט אומעט פול,
ס׳קאַרטשעט זיך די ערד . . .
אויף די גראָז און בלומען
הײנט דער װינטער שװערד . . .

3

און פײגעלאך אין גרופען,
קװיטשען זײער אומעט-שפראך,
און די טויב אײנגענורעט,
זיצט אין טרויער אויפ׳ן דאך.

4

ס׳זינגט דער װינט א לידעלע,
זאָגט אָן דעם װינטער׳ס קומען,
אָפּגעצערטע און פארװעלקטע
שטארבען אָפּ די שעהנע בלומען . . .

און זינג איך!

און זינג איך פון פרייד—

און זינג איך פון צער—

נאָך ביידע נגונים—

בלייב איך דער נאר.

2

דאָס גוטעס דאָס שלעכטעס,

זיי זיינען צוזאמען . . .

און זייגען די ברוסט

פון דער זעלביקער מאַמען . . .

ווי זאַמד ...

ווי זאמד ביים ברעג פון ים,
ווי בלומען אין א זומער גאָרטען,
זיינען ביים ברעג פון ים
געוועזען מענשען דאָרטען ...

2

יונג און אַלט, פרייד און לייד,
האָבען זיך געוויגט ווי זאנגען,
זיפצען האָבען זיך געמישט
מיט פריידיגע געזאַנגען ...

3

און דער ים מיט רויש און וועלען
איז געלאָפען אונז אנטקעגען ...
האָט געקושט די נאַסע לייבער,
און פון זאמד די פייכטע ברעגען ...

קאלט ווי—

קאלט ווי די הארץ ביי א טויטען,
ליגט די ערד אין שנעע דעם קאלטען.
די בלום פארדארט, און דער—
ווערים טיעף אין דר'ערד באהאלטען...

2

דער בוים ווי אין תכריכים ווייסען,
ווי אבלים זיינען טרויעריק די צווייגען,
וויגען זיך, און וויינען שטילערהייט,
ווי נאך א גרויסען בראך און שווייגען...

זים איז דיין וואָרט

און זים איז דיין קוש,—
און צאַרט איז דיין וואָרט,
דיין עכאָ אין הארצען—
דערפיהל איך באלד דאָרט.

2

און שמייכלסטו אמאָל,
און גיסט מיר א לאַך,
דערפיהל איך אין הארצען,
דיין ליבענדע שפּראַך . . .

3

און וויינסטו אמאָל
מיט דיין זודיקער טרער,
פיהל איך אין הארצען
וואָגיק און שווער . . .

4

ווערסטו ברוגז אמאָל,
אין אומרוה איך ציטער,
דאָס זיסטע אין לעבען
ווערט גאליק און ביטער . . .

איך קען ניט ...

איך קען מעהר ניט זינגען פון קאמף,
פון פארגאָסענע ארבעטער בלוט,
עס האָט מיר אין גאנצען פארלאָזען
מיין אמאָליגער העלדישער מוט . . .

2

נאָר אמאָל גיט מיין הארץ זיך א צאפּעל,
מיינע מוסקולען ווערען פארקלעמט.
איך דערזעה וואָס איז פון מיר געוואָרען
און בויג איין מיין קאָפּ, דאן פארשעמט . . .

3

איך בין דאָך א קעמפער געוועזען . . .
און מוטהיג געקעמפט פאר'ן שוואכען,
וועל איך אייביק שוין אָנמעכטיג בלייבען,
וועל איך קיינמאָל צום שטורעם דערוואכען?

און זעה איך!

און זעה איך דיר בויען
א טורעם א הויכען,
און זעה איך דיר בויען
א פאלאץ א רייכען . . .

2

און זעה איך דיר שמידען
דעם אייזען דעם הייסען,
דאן קוק איך מיט אכטונג
אויף דיין לעבען דעם זיסען . . .

3

דו בויעסט און דו שאפסט,
מיט בלוט און מיט שוויים,
די ליבע צו ארבעט
איז הייליג, איך וויים . . .

4

נעמט מען אוועק
די פראצע ביי דיר,
גיט קאמף א פלאקער
אין הארצען ביי מיר . . .

5

אויף דיין בלוטיקער פראצע
האט קיינער קיין רעכט . . .
דארפסט ווערען דער הערשער
דו יעצטיקער קנעכט . . .

6

דיין שאפונג זאל מעהר
ניט געהערען צום צווייטען,
פאר דיינע פארשקלאפער
שמיד אוים דו די קייטען . . .

איך בין אַ שקלאַף!

איך בין א שקלאף צום לעבען—
דאָס לעבען איז א שקלאף צו מיר...
ביידע טרעפען מיר זיך
ביי דער אייזערנער טהיר . . .

2

ביידע מיר שטרייטען, ביידע
פיהרען מיר א ביטערע שלאכט,
ביידע ווי שונאים, ווי ברידער
געליעבט, געהאסט, און געאכט.

3

ווי ברידער צוויי: ווי א צווילינג,
עהנליך איינער צום צווייטען,
שטארבט איינער, געפינסטו באלד
דעם צווייטען אויך א טויטען . . .

זעלטענע מאָמענטען!

איך בין ניט קיין פארלאנגער פון קרוינען
פון הערשאפט, פון גאָלדענעם רוט,
איך וויל נאָר א טראָפּענדעל ליבע,
צו רייצען אין קערפּער מיין בלוט.

2

איך בין ניט קיין קעניג קיין האר,
איך און דער בעטלער זיינען גלייך,
נאָר ווען עס קומט צו מיר די ליבע
ווער איך גליקליך, ווער איך רייך . . .

3

נאָר די מאָמענטען טרעפען זעלטען,
אמאָל פארבלאָנדזשעט אין הארצען גליק,
און באלד קומען אָן מיינע יאָהרען . . .
און פאַרטרייבען איהם צוריק . . .

איך וואָלט ווי דו ...

איך וואָלט ווי דו אין קאמף געשטאנען,
אין די רייהען—ווי א העלד;
דארף איך פארבלאָנדזשעט ווערען
אויף אנאנדער פעלד . . .

2

נאָר פון דער וויטענס זעה איך—
די רויטע פאָהן וואָס געהט פאָראוים,
ס'נעמט מיין הארץ מיט שטורעם קלאפּען,
און דאָס בלוט ווערט ווי פייער הייס...

3

איך וויל אין די רייהען קומען,
אויסשטרעקען א ברודער א האנט,
און צו לייגען נאָך א ציגעל
צו דער גערעכטער וואנט . . .

4

איך האָב שוין טראָפּענס בלוט פארגאָסען,
איך האָב שוין מידע טריט געשטעלט,
ניט דאָ! דאָרט! וואו עס האָט שוין—
ציל געטראָפען אין דער נייער וועלט.

5

דאָרט ליגען מיינע צייכען טריט,
אויף דעם בלוט באפלעקטען דיל,
וואו איך האָב ווי א העלד געענטפערט
א רעוואָלוציע, איז אונזער ציעל.

6

איך פיהל נאָך יענע גראָבע האנט,
וואָס האָט מיין בלוט געמאכט צום רינען;
און די שמיץ אויף מיינע פלייצעס,
פון די נאגאיקעס בלוי און צינען.

שיינע מיידלאך

שיינע מיידלאך האָב איך ליעב געהאט
און האָב זיי יעצט אויך ניט פיינט . . .
איך בין נאָך יעצט א גוטער ברודער,
און א הייסער! הייסער! פריינט . . .

2

נאָר אנדערש איז אצינד מיין קאָרט,
איך פארליר אין זיי מיין שפיעל . . .
איך בין ניט מעהר אָט יענער!
און דערפאר זיינען זיי צו מיר געוואָרען קיהל.

דער בייזער ווינט

דער בייזער ווינט רייסט די בלעטעלעך
און וואַרפט זיי אויפ'ן דאַך,
און וויגט די היילע ריטעלעך—
מיט א ווילדער שפּראַך . . .

2

און די בוים זי וויגט זיך
אין איהר טרויער שטילען,
אויף דער ערד די בלעטעלעך
זיי טאַנצען און זיי שפּילען . . .

3

און דער וואָלקען ווי א בייזע מאַמע
געהט פאַרבייַ פאַרטראַכט,
און דער ווינט איז פרייליך,
ווי א ווילדע מיידעל לאַכט . . .

4

שטעהען פייגעלעך און קוויטשען,
אַך, דער הערבסט איז דאָ.
פון דער ווייטענס אויף די בוימער
שרייט, א שוואַרצע קראָה . . .

5

זשומען פליגען אויף די שויבען,
מיט די פליגלען ציטער, זיי איז קאַלט,
און זיי ווייסען און זיי פיהלען
אז זייער סוף איז באַלד . . .

לאָמיר בויען אַ הײמעלע!

לאָמיר בויען א הײמעלע . . .
וױ פײגעלאך צװײ . . .
זומער פון רעגען . . .
װינטער פון שנײ . . .

2

אין גרינעם װאלד!
װאו בײמער און בלומען,
װאו פײגעלאך פילע
װעלען באזוכען אונז קומען.

3

מיר װעלען דערצײלען
װי גליקליך מיר זײנען,
װי טױזענטער שטראלען
לײכטען און שײנען.

4

אין נעסטעלע קלײנינקען
איז א קינדעלע דאָרט;
ער לאכט און ער שמײכעלט
און זאָגט ניט א װאָרט.

5

מיט די אױגעלאך אימער
ער קוקט און ער זוכט,
מיר קושען די פײגעלע,
פון ליבע, די פרוכט . . .

6

לאָמיר בויען א הײמעלע
װי פײגעלאך צװײ . . .
זומער פון רעגען,
װינטער פון שנײ.

ניט אין וואָלקענס

ניט אין וואָלקענס און ניט אין רויך
וועל איך דיך געליבטע געפינען . . .
דו וועסט פון ליכט און זונען שטראלען
צו מיר אין א העלען פרימאָרגען אָנקומען . . .

2

און אפשר גאָר אין א פינסטערער נאכט,
ווען אלעם ארום וועט שלאָפען אין דרימעל,
וועסטו זיך אנטפלעקען פאר מיר . . .
ווי א געטליכער מלאך, פון הימעל . . .

3

אָנקלאפען פאמעלאך אין טיר . . .
און איך וועל פרעגען ווי דו הייסט?
דו וועסט פרעפלען שא, שא, שטיל . . .
מיין נאָמען, מיין נאָמען, דו ווייסט . . .

4

ווי א בליץ וועל איך לויפען אנטקעגען,
א ווײלע באטראכטען און פאלען צום ברוסט.
דו האָסט מיר אין טרוימען געזעהען . . .
האָסט מיין קומען געגארט און געגלוסט.

5

איך וועל דיך אומארעמען און
איינקלאמערען אין מיינע ציטערנע הענט . . .
און פרעפלען די ווערטער: אָ ליבינקע!
אין הארצען דער פייער, ער ברענט.

6

אָ טייערע! איך האָב אלעם פארשטאנען,
איך האָב אלעם געפיהלט און געוואוסט . . .
און שטילער זיינען געוואָרען די הערצער,
ווען ליפען אין ליבע האָבען זיך הייליג צוקושט.

און אַז איך וועל

און אז איך וועל פיהרען אַ שלאכט,
און ניט לאָזען מיינע יאָהרען גיין—
וועל איך זיי דערפיהלען . . .
אין קערפער און געביין . . .

2

זאָלען זיי גיין, איך וויל זיך ניט נארען . . .
די יאָהרען זיי צייגען, מען קען ניט באהאלטען,
זיי קומען ווי שאָטנס ווי מוסרים
פון די פארבאָרגענע קנייטשען און שפאלטען.

איך בין אַ יעגער

איך בין א יעגער נאָך די זאכען,
איך בין א חבר צו דעם שוואכען,
בין אויסגעלאסען און בין פרום,
בין א רעדעווודיקער און בין שטום.

2

ס'ווענדעט זיך א וואו און ווער?
וואו די פרייד, און וואו די טרער,
אזוי געה איך מיין לעבענ'ס גאנג,
וואו א בליהמעלע, און וואו א שלאנג . . .

3

וואו איך לויף געשווינט גאלאָפּ,
וואו איך קריך מיט א געבויגענעם קאָפּ,
איך בין קיינמאָל איין מענש . . .
וואו איך שעלט, און וואו איך בענטש.

4

לאך אמאָל אין טיפען צער,
בין גאנץ קלוג, און גאָר א נאר,
און בין נאָך ניט גאָר אלט—
ווער געקאָרטשעט, ס'איז מיר קאלט.

5

ווי דער העלער טאָג, די שווארצע נאכט,
וואָס יאמערט און וואָס לאכט,
ווי דער בייזער שטורעם ווינט,
ווי דער שמייכעל פון א ליבעם קינד.

6

איך וויל אמאָל זיך טרעפען . . .
מיין הארץ פאר זיך כ'צועפען,
און פארשטענדליך איז זי מיר . . .
ס'בלייבט א רעטעניש מיין אייגען טיר . . .

רייץ ניט מיין האַרץ

רייץ ניט מיין האַרץ און בייס ניט ווי א שלאַנג,
דער וועהטאָג מאַכט מיר וואַנזיניג אַי, ווייה...
און לאַכסטו פון מיין ווייטאָגדיגען פיין,
שריי איך העכער מיין געשריי . . .

2

איך דאַרף ניט דיין שמייכעל ווען ער איז פאַלש,
און וויל ניט דיינע בייזע נעגעל אין די וואונדען;
זיי פון ווייטען טרעט אָפּ דעם וועג,
פאַרלעש די פייערען וואָס דו האָסט געצונדען...

3

לאָז מיר צורוה... טרעט אָפּ פון מיינע אויגען,
ניט זעהענדיג דיר וועט מיר גרינגער ווערען...
ניט רייס מיין האַרץ, ניט סם מיין בלוט...
ניט צינד דעם מאַרך אין שטערען . . .

4

איך בין ווי דער ים, קען רוהיג ניט זיין,
דאָך אמאָל פאַרקיהלען זיך די וועלען,
און לייטערט זיך אויס דער בייזער הימעל
מיט טעג אין ליכט א שיינענדען א העלען.

5

לאָז פאַרלאָשען ווערען אלעס וואָס ס'האָט געברענט,
די נאַכט קען רוהען נאָר שטיל, אין שווייגען...
איך וועל דעם נאַרישען פאַרליעבטען האַרץ
אויסשטעלען—א צונג—מיט פייגען.

ביי דעם ברעג

איך בין ביי דעם ברעג פון טייך געזעסען,
דער וואסער איז געלאָפען און געשפּרונגען,
און געגען טייך און סאָסנאָוועז וואלד
האָבען פייגעלאך געזונגען . . .

2

דער טאָג געווען איז פּראכטפול שעהן,
די זון ווי א כישוף אויג, געגליהט . . .
און אויף די ברעגען פון דעם וואסער
האָבען רויזען בוימעלעך געבליהט . . .

3

און פון וואלד דעם שאָטנדיקן
איז דער כישוף שטיל געקראָכען,
און אויף דעם שטיין דעם גליטשיקען, האָט—
דער וואסער, זיינע שפּיגלען דאָרט געבראָכען.

ווער דאַרף דיין ריינקייט

ווער דארף דיין ריינקייט,
דיין רייץ און דיין פראכט . . .
ווער דארף דיין שטילקייט
און אומרוה פון נאכט . . .

2

זיי דו א טייוועל,
נאָר גיב מיר געלוסט,
וואָס טויג מיר א געטין—
ווען אין הארצען איז פוסט? . . .

שנייעלעך ווייסינקע

שנייעלעך ווייסינקע,
שנייעלעך קאַלטינקע;
שנייעלעך יונגינקע,
שנייעלעך אַלטינקע.

2

קומען פון הויכקייט
צו פליהען אַרונטער,
קומען צו פליהען
פריילין און מונטער.

3

שנייעלעך ווייסינקע
קומען געשווינט,
קומען זיי ריינינקע,
אָהן פלעקען פון זינד.

4

שנייעלעך פּוכלינקע,
לײלאַך צעשפּרייט,
שנייעלעך ווייסינקע,
תכריכים די קלייד.

ווי קום איך!

ווי קום איך לידער צו שרייבען
אין דער פארפעסטעטער גאס?
וואו מענשען זיינען ווי חיות,
מיט ווילדען פארביטערטען האס.

2

ווי קום איך טענער צו גיסען,
אין דעם פינסטערען גרויל—
וואו מענשען זיינען ווילדע,
מיט בייסיקע ציינער אין מויל.

3

ווי קום איך שיינקייט צו זעהען,
וואו אלעם מיט שפין-וועב פארוועבען...
וואו טמאה איז די שפראך—
און זומפ איז דער לעבען.

4

ווי קום איך קראנצען צו פלעכטען,
וואו עס שימפעט די שלאנג,
וואו הארץ איז פארגליווערט
און גאָט איז דער גאָלדענער קלאנג.

אין דערפעל

קליינינקע שטיבעלעך,
שטרויענע דעכעלעך,
געסעלעך קרומע . . .
און בלאָטע ארום.
דארינקע ריטעלעך,
פארוויינטע גרעזעלעך,
קיין איינציקע בלום.

2

קיהעלעך אָרעמע,
פערדעלעך דארינקע,
פענימער בלאסע,
דער אומעט ער שוועבט,
קינדערלעך באָרוויסע,
שמוציקע נאקעטע,
אזוי האָבען מענשען
אין דערפעל געלעבט.

נאָר אין פאַרנאַכטען

נאָר אין פארנאכטען דער פאסטוך
פלעגט זינגען א בענקענדע ליד,
און הערען פלעגט מען אין פריהמאָרגען
ווי עס האמערט אין קוזשנע דער שמיד.

2

און הינט פלעגען בילען אין דערפעל,
ווען די זון פלעגט אין ווייטקייט פארגיין...
און דער בארג פלעגט פלוצלונג זיך אָנטאָהן
פון פורפורענע וואָלקענס א קרוין.

קום זיסינקע

קום זיסינקע ווער מיינע . . .
שפּיל זיך ניט מיט מיר אַרום,
יעדער בוימעלע גלייכט דעם ווינטעלע,
יעדער האַרץ גלייכט די בלום.

2

מיר וועלען זיך אַ שפּיל טאָהן,
ס'איז ניטאָ אין דעם קיין שאַנד,
קיינער וועט פון דעם ניט וויסען . . .
נאָר מיר ליבענקע באַנאַנד.

ווארום?

ווארום בין איך געשטראָפּט אזוי,
ווארום בין איך אין צוואנגען?
ווארום קען איך ניט דערצעהלען
מיינע פארבאָרגענע פארלאנגען?

2

ווארום דארף איך זיי טראָגען
אין מיין הארצען דאָרט?
ווארום קען איך ניט זאָגען
פון זיי קיין איינציק וואָרט?

מיין מוטער

איך געדיינק ווי מיין מוטער
האָט וועגען גאָט אזוי גערעדט,
פליקענדיק גענזענע פעדערען
אין פראַסטיקער נאכט אזוי שפּעט

2

ביי דעם אויוועו דעם ווארעמען,
פון לעמפּעלע א טונקעלער שיין,
פלעג זי פון תחינה דערצעהלען
ווי גוט עס איז גלויביג צו זיין.

3

אין גן עדן דעם פּראַכטפולען געהט מען,
ווען לעבען צושייט זיך מיט'ן זינדיגען גוף,
אויף א גאָלדענעם לייטער צום הימעל!
פיהרען מלאכים מיט זמירה ארויף.

4

ארום איז פראכטפול און שעהן,
מלאכים טאנצען א שירה . . .
דער אלטינקער קוקט פון אויבען אראָפּ,
טייטעלט מיט'ן פינגער און ווירע . . .

5

אָט דאָ האָסטו גוטעס געטאָהן,
און דאָ איז א בייזער פארלאנג . . .
עס ווערט געבוירען פון גוטעס א מלאך,
און פון שלעכטעס א גיפטיגע שלאנג . . .

אור-אַלטע בוימער

ווען איך קום צו אייך אור-אלטע בוימער,
אונ זעץ זיך אין אייער שטן צו,
ווערט מיין הארץ א הייליג טרוימער,
זי קלאַפּט זאַ שטארק אין רוה . . .

2

מיינע אויגען קוקען הויך ארויף
אויף די צווייגען די צושפּרייטע,
פרעג איך זיי, די בוימער אלטע:
ווייסט איהר וואָס פון די זיידעס טויטע?

3

זיינען זיי אהער געקומען
מיט יאָהרען לאנג צוריק?
האָבן זיי אויך ווי איך געשפּונען
זייער לעבענס—לעבענס גליק?

4

וועט מיט מיר דאָס זעלבע טרעפען?
אונ מיין קינד וועט פרעגען אויך?
וועט איהר נאָך דאן ברייטער ווערען
אונ די קעפּ פארררייסען הויך?

דו ביסט

דו ביסט צו מיר אין חלום געקומען,
וויִ אמאָל האָסטו זיך פאַר מיר אנטפּלעקט,
און ווי אמאָל אין יענע צייטען
האָסטו מיין שטורעם אויפגעוועקט . . .

2

איך האָב אויף דיר לאנג געקוקט,
און ציטערדיק געפּרעפּעלט ווערטער,
און גערעדט צו דיר געדיינקסטו!!
יענע שעהנע סאָסנע ערטער?

3

ווען מיר זיינען ביידע געזעסען,
געארעמט און פארטראכט,
און אזוי אום—געזעהען, איז—
געקומען צו אונז די נאכט.

4

מיט מיליארדען שטערענדלעך
דעם הימעל אָנגעצונדען . . .
און מיר ביידע זיינען געזעסען
איינגעפלאָכטען, איינגעבונדען.

5

ארום די שטילקייט ווי א כישוף
האָט געפּרעפּעלט אין דער שטיל,
נאָר די הערצער פלעגען רוישען—
ווי די וואסער ביי א מיל . . .

אין חלום געזעהען

איך האָב דיר אין חלום געזעהען,
דו ביסט געוועזען פראכטפול און שעהן,
נאָר איך האָב אין דיינע אויגען—
געזעהען, צער און געוויין.

2

דו האָסט צו מיר גערעדט, און אין—
שטילען פרעפּעל סודות געזאָגט,
דיינע אויגען זיינען פארוויינטע געוועזען,
ווי דו האָסט אין ווייטאָג געקלאָגט?

3

מיר האָט דיין אויסזעהן דערמאנט
אָן די צייטען וואָס זיינען פארגאנגען,
אָן יענע מאָמענטען פון האָניג דעם זיסען,
אָן צייטען פון בייסענדע שלאנגען . . .

4

אָט דאכט זיך, נאָך גאָר ניט לאנג
מיט קליינינקע בינטעלעך יאָהרען צוריק,
ווען געליעבטע זיינען מירביידע געוועזען
אין די העכסטע עקסטאזען פון גליק.

5

און היינט, נאָר אין חלום איך זעה דיר
וואָס קומט אין דרימלען פון נאכט,
און פארגעהט ווידער, ווען—
מיין מידע אויג ערוואכט . . .

6

מיר זיינען באזונדערע וועלטען אצינד,
ביידע פון שטורעם צובראָכען . . .
מיט גרויסע פעק באלאָדען,
פון שווערע לאסטען און יאָכען . . .

דער הימעל וואָלקענדיק

דער הימעל וואָלקענדיג,
די ערד פארטראכט,
די בוימער טרויעריג—
ווי די שטן'דיקע נאכט.

2

דער ווינט ער פרעפעלט,
מיט א הייזעריקע שפראך—
די בלעטעלעך זיי סוידען זיך,
און זאָגען ניט קיין זאך . . .

3

די וואָלקענדלעך זיי טוליען זיך
ווי די לעמעלעך אין שטורעם—
זיי בילדען װענטעלעך,
ווי העגטעלעך א טורעם . . .

מיר!

מיר זיינען אין רײַען
ווי בלומען געפלאָכטען
מיר זיינען אין רײַען
ווי לעמער געשאָכטען.

2

מיר זיינען אין רײַען
ווי העלדען געשטאנען,
מיר זיינען אין רײַען
געפאלען אין פלאמען.

3

מיר זיינען אין רײַען
געגאנגען פאַראויס,
מיר האָבען אין רײַען
געקעמפט אזוי היים . . .

4

מיר וועלען אין רײַען
גיין אונזער גאנג,
מיר וועלען אין רײַען
שלאָגען דער שלאנג.

5

מיר וועלען אין רײַען
די שלאכטען ענטשיידען
מיר וועלען אין רײַען
קעמפען ווי לייבען.

ניט באגליקען

דו קענסט מיר מעהר ניט באגליקען,
דער גליק איז צורונען ווי אייז,
איך האָב פריהער ניט פארשטאנען
פון לעבען דעם גרייז . . .

2

איך האָב ניט געוואוסט וואָס הייסט לעבען,
און ניט געוואוסט וואָס הייסט גרייז,
דערפאר איז מיין לעבען
איצטער פראָסטיק און אייז.

שוין גענוג!

איך האָב זיך מיט דיר א שפּיל געטאָהן,
אוּן שוין גענוג.
אוועק איז די שעהנקייט,
געבליבען איז די פּלוג.

2

יעצט לאָז מיר צורוה,
שוין אלעם פארגעסען,
דו האָסט זיך נאריש געמאכט,
און דאָס האָט דערעסען . . .

3

יעצט לאָז מיר רוהען און טראכטען,
זאָל די ווילע, פארגיין,
ס'קען זיין אז ס'וועט אנדערש ווערען . . .
און ווערען ווי פריהער גאָר שיין . . .

וואָס שווייגסטו?

דו ווילסט מיר ניט צערטלען שוין מער—
האָט וואָס מיין ליבסטע געטראָפען?
אפשר האָט אין הארצען ביי דיר—
די ליבע געגאנגען דאָרט שלאָפען?

2

אַ זאָג מיר! א זאָג מיר דו ליבע!
ס'מאטערט מיט וועהטאָג דער פיין,
צו האָט ניט די ליבע—
פארלאָשען איהר שיין?

3

איך ציעל זיך צו טרעפען,
צי וועל איך טרעפען ווער וויים?
דערוויילע די ליבע זי פלאקערט,
ברענט מיט פלאמען, דאָרט היים.

4

וואָס שווייגסטו? וואָס שטומסטו?
איך ווער פון טראכטען צוריסען,
צי איז ניט דערטרונקען געוואָרען
דיין ליבע, אין האָניק דעם זיסען?

וואו נעמט מען?

וואו נעמט מען א ווינקעל א שטילען?
וואו נעמט מען א וואלד אָהן חיות צורייצטע?
וואו נעמט מען א שטורעם אָהן קראכען,
טייכען און ים'ען ניט איבער געפלייצטע?

2

אַט זעה איך א היטלער אין דייטשלאנד,
א בעסטיע אין מענשען געשטאלט,
ער האָט דאָך געדארפט זיין מיט חיות—
ערגעץ אין א דזשאַנגעל א וואלד . . .

3

ער צוקט און ער רייסט זיין קרבן,
און זעטיקט די ציינער מיט בלוט!

דיינע אויגען

איך קוק אריין אין דיינע אויגען,
זיי זיינען ווי אפּגרונטטען טיעף,
זיי הויבען אויף אין מיין הארצען א שטורעם,
מיין נשמה ווערט א בלאָנדזשענדע שיף . . .

2

זיי רינגלען ארום ווי מיט קייטען,
מיט פלאנצונגען א פּראכט,
זיי זיינען העלער ווי די זונען,
און טונקעלער ווי נאכט . . .

ווי דער הירשעלע

איך וואָלט געוואָלט ווי דער הירשעלע
לויפען, מיין יוגענד גאַלאָפּ,
דערזעה איך אין מיין שטן א ווייסקייט—
ווי א געפּאלענער שניי איז מיין קאָפּ.

2

מיט ציטער גיב איך זיך א ראנגעל,
עס ווערט מיר די וועג אזוי קלאָר,
מיר לויפען די ווינטען אנטקעגען—
און ברייננגען צו די אויגען די האָר . . .

קיין צויבער

איך וויל ניט קיין צויבער,
קיין גאָלד און קיין קרוין,
אלץ וואָס איך וויל—
איז רוה און א היים.

2

א קעמערל א קליינס, איך—
פארלאנג ניט קיין סך—
פענסטערלעך ליכטיקע
מיט א גאָלדענעם דאך.

3

און דאָרט זאָל מיין געליבטע
ווארטען אויף מיר . . .
מיט שמייכעל און קושען
באגעגענען ביים טיר . . .

פון דיר . . .

איך האָב פון דיר—
מיין ליעבסטע געטראַכט,
אין אומרוה, אין
פינסטערער נאַכט.

2

איך האָב דיין פנים
מיט צויבער געמאָלען,
געלאָפען אַן אָפּשטעל
אויף בערג און אין טאָלען.

3

דיר אין מיין הארצען
מיט זיך גענומען . . .
ווי צויבער ווי גלויבען
ווי שיינקייט פון בלומען.

4

און שענער און שענער
איז מיין לעבען געוואָרען
ווען אין הארצען דער גלויבען
איז א נייער געבאָרען.

5

די ליבע! די ליבע!
די הייליגע פּראַכט,
זי שמייכעלט, זי ווינקט,
זי קוועלט און זי לאַכט.

6

און צויבער מיין וועלט,
און צויבער מיין לעבען—
פון ליבע געשפּונען
מיט ליבע געוועבען.

נאָר העלדען באַשרייבען

מיר ווילען נאָר העלדען באשרייבען,
נאָר גרויסקייט באוואונדערען מיט פראכט . . .
מיר באטראכטען ניט דעם שוואכערען—
און גיבען איהם קיינמאָל ניט קיין אכט.

2

די העלדען די גרויסע זיינען שוואכלינגס—
אמאָל, ווי די שוואכע זיינען העלדען אין צייט,
ווען א שוואכער טהוט א העלדען-טהאט, ווערט—
ער פארגעסען, פון גרויסען מען בראיט . . .

ניט אין שטורעם

ניט אין שטורעם און ניט אין ווינט,
אין ניט אין וועלכע שפּראַכען,
קען איך ווי אַ קינד,
פרעהליך מעהר ניט לאַכען . . .

2

די יאָהרען שוין אַוועק,
ווי אַן אויסגעוועבטער שטורעם
און צושמעטערט איז דער לעבען
ווי אַן אַלטער, אַלטער טורעם . . .

3

קוק איך אויף די הרודעס,
עס, וואָס ענליך צו אַמאָל,
אַך, איהר שטיינער אַך, איהר ציגעל—
טרוימען! טרוימען! אָהן אַ צאָהל . . .

מיין שוועסטער

איך גאר נאָך דעם ציטער וואָס איז מיר אומבאקאנט,
נאָך דעם פייער וואָס דארף מיר פארברענען . . .
און כאָטש דו ביסט מיר א ברודער, דאָך—
פרעגען דיר זאכען, דארף איך זיך שעמען . . .

2

ווייל דו ביסט א פרעמדער פון אן אנדער געשלעכט,
ווען אפילו אונז האָט איין מוטער געהאַט . . .
דאָך וועקען אונז באזונדערע ווינטען,
דער ציטער ניט עהנליך, ווי די וויגונג פון בלאט.

3

מיר זיינען ניט ענליך ווי אין שטורעם דער רעגען,
ווי די וואָלקענס אין הויכקייט וואָס שוועבען . . .
מיר שפינען דעם זעלביקען פאָדים, נאָר—
אנדערש קומען די אוזאָרען אין וועבען . . .

די וואָלקענס

שטייען די וואָלקענס,
מיט טויט אָנגעגרייט;
קומען די שנייען
מיט תכריכים באקלייד.

2

ליגען די פעלדער, ווי—
באזיגטע אין שלאכט.
דרימעלט דער קאָרען
ווי א שיכור אין נאכט.

3

זינגען די פייגעלעך,
פון אומעט א ליד,
ציטערט אין בוימעלע
א יעטווידער גליד.

4

שלאָפט אָט דער וואסער,
פארגליווערט אין אייז,
מען זעט ניט זיין לויפען—
מען זעט ניט זיין שפרייז . . .

5

קלאפּען די מענשען
א האַנט אָן א האַנט,
און זאָגען, אַ גוואַלד
דער פראָסט איז א בראַנד.

6

עס שרייען די קראָהן
אין נאַקעטען וואַלד,
זיי שטעהען ווי שטן׳ס—
אין א טרויער געשטאַלט.

7

און ערגעץ וואו א הונט בילט,
מיט אומעט געוויין—
און גריזעט פון הונגער—
א פאַרפרוירענעם ביין.

8

עס סקריפּען די טריט
אויף דעם פראָסטיגען וועג,
און שנייעלעך לויפען—
א ווילדען געיעג . . .

שפּעט אין נאַכט

שפּעט אין נאכט איך שטעה אין פעלד אליין,
איך ציטער און איך טראכט,
און ערגעץ וואו איך הער ווי ווער
האָט זיך שטיקענד דאָרט צולאכט . . .

2

מיין בלוט איז קאלט געוואָרען,
און איך בין בלאם און טויט,
איך האָב זיך אומגעקוקט, אויף—
א צווייג, א פייגעלע דאָרט שטעהט.

3

כאכיצעט ווי א מענש אין חלום,
ווען ס'קומט געלעכטער דאן,
ווען ער קושט די שעהנע מיידעל
מיט א הייסען ליבעם פלאם . . .

4

זאָג איך: פייגעלע אך דו איינע . . .
דו האָסט מיר צום טויט דערשראָקען,
און האָסט מיין הארץ געמאכט צום קלאפּען
מיט טויזענד קלויסטער גלאָקען . . .

5

לאכט די פייגעל כי— כי— כי—,
איך האָב אין דרימעל זי געזעהען
און אין מיין דרימעל יעצט,
האָט מיט מיר די פרייד געשעהען . . .

ניט דער ערשטער שטורעם

ניט דער ערשטער שטורעם האָט—
אין מיין לעבען מיר געטראָפען . . .
און ניט פון דעם לעצטען פייער
בין איך אין היילעניש אנטלאָפען . . .

2

איך וועל זיי טרעפען אין מיין לעבען
פילע! פילע! עס איז ניט שפעט . . .
פילע וועלען—מיין הארץ נאָר וועה טאָהן,
פילע וועלען לייגען מיך צום בעט . . .

דעם בעכער

איך האָב פון דעם בעכער
געטרונקען דעם ווײַן,
איז נאָכ׳ן טרינקען
געקומען דער פּײַן.

2

איצט האָב איך ניט מער
אין בעכער קיין ווײַן,
ס׳איז אָבער געבליבן
אויף שטענדיג דער פּײַן.

3

ס׳איז פאַרשוואונדען דער יום טוב,
עס איז געבליבען די וואָך . . .
פון מײַן ליבע איז געבליבען—
דער פאַרהייראַטער יאָך . . .

זיי גוט צו מיר ...

איך האָב דיר געבעטען זיי גוט צו מיר . .
אונ דו האָסט מיר פארשפּראָכען . . .
דו האָסט דיין צוזאָג ניט געהאלטען,
אונ דיין וואָרט האָסטו געבראָכען . . .

2

יעצט ברעך איך מיין וואָרט, נעם ראכע!
דו ווייסט ווי שלעכט עס איז דער פּיין...
דו וועסט פארזוכען פון דעם זעלבען בעכער,
מיט דעם גאליק, ביטער וויין . . .

3

אונ אויב עס וועט מיר גוטעס ניט טאָהן,
וועט עס העלפען ווען א צווייטען . . .
מען מוז אין דיר די קאפּריזנע—
שלאנג, פארניכטען זי אונ טויטען.

4

דו פארשטעהסט ניט אונ זאָגסט א שפּאַס,
דיין שפּאַס פארגליווערט אלע בלוטען,
דו מערקסט ניט ווי די הארץ!
קאָרטשעט זיך אין וועהטאָג, גלוטען . . .

5

דו דארפסט ניט שפּילען אין קאץ אונ מויז,
ניט גראבלען דאָרט וואו עס—וועיט!
ניט לאכען פון די טיפע וואונדען
אונ טרייבען צו א וואנזיניגען טויט . . .

ווי שווער מיר איז ...

ווי שווער מיר איז די פּים צו שטעלען
אויף דעם וועג וואָס איז מיט פּעך,
ווען מיין גייסט און שטרעבען—
טרייבט מיר, שנעל און גיך . . .

2

יעדער טאָג א שורה, יעדער—
טאָג א ליד, אך ווי שווער!!
ווען געדאנקען רייסען זיך—
און קומען, מעהר און מעהר . . .

3

און שרייב איך מעהר! אין—
די שעה'ן פון דער נאכט,
ווערען מיינע שורות, פון—
ווען דען באטראכט???

4

ווי יתומים'לעך עלענד און אליין,
ליגען זיי אין די שורות דאָרט,
קיינער ברענגט זיי ניט קיין טרייסט,
קיינער רעדט צו זיי א וואָרט . . .

שטיל איז דער ים

שטיל איז דער ים ווי די הארץ ביי א קינד,
ווי ער האָט קיינע פארלאנגען . . .
מען הערט ניט זיין פּרעפלען, מען—
הערט ניט די וויינען, געזאנגען . . .

2

איז אלעם אין איהם באפרידיקט? זיין—
טיפעניש איז רוהיג געפאלען אין שלאָפען,
אָדער פאר מורא איז די בייזקייט
אין זאמדיגע ברעגען אנטלאָפען???

3

עס האָבען זיך די וועלען צולאכט . . .
מיר מוזען האָבען א שטורעם צום וועקען,
דער שטורעם די טיפעניש דעם ציטער—
ים גלעקער וואָס קלינגען און וועקען . . .

פלאמען פון אמאָל

איך וואַרעם מיין קערפּער אויף די פלאַמען פון
אמאָל, זיי זיינען שוין טונקעל און מיד,
זיי טרעפען ניט יענע סטרוּנעס—
וואָס זינגען א שאלענדע ליד . . .

2

די פידעל איז אלט און בעקארבט,
די סטרונעס צוריסען און טעמפּ,
די פרייד איז א מידע, ווי אין—
הארצען וואָלט טרויער געקלעמט . . .

3

טריי איך די זילבעס און בייט די נאָטען,
עס ווילט זיך א פריילעכס נאָך הערען,
עס כליפען די קלאנגען, און—
רופען פון טרויער די טרערען . . .

דער אומעט

1

עס האָט דער אומעט
מיין הארץ געבונדען,
עס האָט דער אומעט
מיין מוזע געצונדען.

2

עס האָט דער אומעט
מיר פרוכטען געבאָרען,
עס האָט דער אומעט
צובלאָזען מיין צאָרען.

3

עס האָט דער אומעט
מיינע קייטען געשמיד,
עס האָט דער אומעט
געבאָרען מיין ליד.

4

עס האָט דער אומעט
געבויגען מיין קאָפּ,
עס האָט דער אומעט
מיר געטריבען גאלאָפּ!

5

עס האָט דער אומעט
מיינע פעלדער פארזייט
עס האָט דער אומעט
מיינע וועגען פארשנייט.

6

עס האָט דער אומעט
מיר שטרעבען געגעבען
עס האָט דער אומעט
מיינע פעדים פארוועבן.

7

עס האָט דער אומעט
א קרוין מיר באשאפען,
עס האָט דער אומעט
געבונדען מיט שקלאפען.

איך וועל צאנקען ווי א ליכט

איך וועל צאנקען ווי א ליכט,
אוּן וועל פארגיין,
דאָס לעצטע וואָס וועט זיין,
איז א ביסעלע געוויין.

2

דאָס לעצטע וואָס וועט זיין,
איז א קעסטעלע א שווארץ—
א טרעהר פון טרויער אויגען,
א זיפץ פון טיפער הארץ . . .

3

און דער הייביגער געלעגער
וועט זיין ערגעץ אויף א פעלד,
וואו גלייך וועלען זיין די שורות,
פון פראָסטען און פון העלד . . .

איך וועל ניט וויינען . . .

איך וועל ניט וויינען, וועל ניט קלאָגען;
טרערען קענען מיר ניט היילען,
איך וועל אין זיך זיי לייגען,
קיינעם! קיינעם! ניט דערציילען . . .

2

זאָל גיין דער טאָג, דער יאָהר,
עס איז דאָך דאָ צו זיי אַן ענד,
ס'וועט זיך אויסטראָגען זייער צייט,
און צוריסען ווערען זייער העמד.

טויזענט ווערטער

איך האָב טויזענט ווערטער אָנגעשריבען,
וואו פון פרייד, און וואו פון טרויער,
וואו פון האָניק זיסען, און וואו—
פון ביטערקייט און זויער . . .

2

יעדער וואָרט איז א טראָפּען,
יעדער וואָרט איז א פלאם,
יעדער וואָרט אן עלוזיע, יעדער—
וואָרט—א טיפער, טיפער, ים . . .

אָפּט!

אָפּט שענדעט איהר פערזען,
אונ איך מוז ממזרים האָבען,
איהר טרייבט אוועק די נאכטיגאלען
און ברייננט אריין די שווארצע ראָבען...

דערזעה איך . . .

דערזעה איך דעם ים א צורייצטען,
דערקען איך מיינע טרערען אין זיי,
דערהער איך דעם שטורעם א בייזען,
דערפיהל איך מיין זיפץ, און מיין וויית..

ס'ווילט זיך מיר ווײנען . . .

ס'ווילט זיך מיר ווײנען,
די טרערען זײ קומען ניט,
פיליכט האָבען זײ צרות —
מיט קײטען פארשמיט.

2

פיליכט ווײנען זײ דאָרט
פארגליווערט ווי אײז,
פיליכט ווײנען זײ פון
הונגער געשטאָרבען אָהן שפּײז???

אַזוי ווי פּערעל

איך נעם די פּען אין האנט,
און שרייב און שרייב און שרייב,
די ווערטער אזוי ווי פּערעל—
איך קלייב, איך קלייב, און קלייב.

2

צייל די שורות צייל און צייל,
און וויקעל זיי אין פלאמען,
פליה מיט זיי אוועק אין הימעל
און גייה צום גרונט פון ים'ן.

3

ווער איך דאָרט פארבלאָנדזשעט,
און קען מיין וועג פארבינדען,
זוך איך דאן דעם פאקעל,
ער זאָל מיין וועג אָנצינדען.

מיר ווילט זיך לאכען אַמאָל

מיר ווילט זיך לאכען אמאָל—
זאָגען ווערטער פון שפּאס,
הער איך געוויינען דאָרט,
הער איך זיפצען פון גאס.

2

שטיק איך מיין וואָרט
מיט אייזערנעם צוואנג,
מיין שמייכעל צו יענעם
קען זיין גאָר א שלאנג?

3

בייג איך מיין קאָפּ
מיט טרויער מיין וועג,
זיי לויפען מיר נאָך—
אין א ווילדען געיעג . . .

איך האָב געטרערט

איך בין געשטאַנען מיט אַ בעזים
און האָב געקערט,
איך בין געשטאַנען מיט אַ בעזים
און האָב געטרערט.
וואָס איז פון אייך בלעטעלעך געוואָרען?
געוועזען זיינט איהר שעהן אַ פּראַכט,
וואו איך פלעג קומען אין דער נאַכט,
אין די שטן׳ס אייערע באַהאַלטען,
אומארעמט פון אַ ווינטעלע אַ קאַלטען.
אצינד ליגט איהר ווי נאָך אַ זינד . . .
געטראָגען און געוואָרפען פון דעם ווינט,
און פערפעלט הייזעריק אין צער . . .
עפּעס אומפאַרשטענדליך, ווי דער נאַר,
געהויבען און געוואָרפען אין די שטאַלען,
וואו געזונגען האָבען פריהער נאַכטיגאַלען . . .
ווייה דער בלאַט, ווייה און ווינד
פאַר אַ וועלכען, וועלכען זינד?
איך בין ווי דו נאַטירליך קינד . . .

איהר וועט מיר זאָגען ...

איהר וועט מיר זאָגען אז איך בין הערבסט,
אז מיין אויפבליה איז צו שפעט . . .
אז איך בין קראנק און איידעל,
און דארף זיך לייגען שוין צום בעט.

2

ניין!! איך בין דער פריהלינג—
דער פריהלינג און דער קומען . . .
מיינע קנאספען וואָס איך שוואנגער,
דארפען ערשט זיך גאָר צו בלומען.

3

איך האָב אין יוגענד אָפט געזינדיקט,
און אין בלאָנדזען אָפט געזוכט . . .
דערפאר איז שפעט אזוי צייטיק—
געוואָרען, אין מיר מיין פרוכט . . .

איהר חופה נאכט

שטייען די בערג אין—
טוי איינגעהילטע . . .
ליגען די וואסערען
ווי טרערען פארקילטע . . .

2

שוועבט די לבנה ווי א כלה
אין צויבער און פראכט,
און ביינקט א פאר׳חלום׳טע,
פון קומענדער נאכט . . .

3

צינדען זיך שטערען,
און ווערען פארלאָשען . . .
עפענען זיך גרונטען,
און ווערען געשלאָסען . . .

4

קושען זיך בלעטעלעך,
און ווערען צוקריגט,
ראנגלען זיך מיידעלעך,
און ווערען באזיגט.

און טראַכט איך אַמאָל ...

און טראַכט איך אַמאָל אַז דו ביסט פרעמד
און וועסט קיינמאָל מיינע ניט זיין . . .
דאַן גיט מיין האַרץ אַ ווילדען ציטער
און די נשמה נעמט אַרום אַ שמערצליך פּיין.

2

און שרעקליך ווערט מיין יונגער לעבען,
ווי אַ זאַווערוכע אין מיין האַרצען דאָרט,
און טרערען ווערט מיין יעדער בליק,
און ווייה מיין יעדער! יעדער! וואָרט . . .

3

און נאַכט און פינסטערניש באַגלייט,
יעדען שפּאַן, יעדען טריט אין גאַנג,
און אַרומגעוויקעלט ווערט מיין לעבען
פון אַ בייזער, בייזער שלאַנג . . .

מיין קינד

דו זאָגסט אז מיין פּנים האָט קנייטשעז,
מיינע האָר א ווייסקייט זיי צייגעז,
אָ טייערע! דערצייל דאָס מיר ניט—
איך פיהל זיי, אין שווייגען . . .

2

און ווייסטו ווארום מיינע האָר—
זיינען באזילבערט און גרוי?
ס'טהוט מיר אין הארצען—
דאָרט, שרעקליך וויה . . .

3

א צווייגעלע מיינע פון ליכטיקען בוים
האָט איר קראפט פּלוצלונג פארלאָרען,
און מיינע האָר זיינען פון דעם—
גרויער, און גרויער, געוואָרען . . .

אויפ'ן באָרדוואָק

א וועלט מיט מענשען
פון אלע שפּראכען,
פון זיפּצען,
און פון לאכען.

2

נאָר איך א פרעמדער
זיץ און טראכט,
אין טאָג,
אין נאכט.

3

ווי א פרעמדע
וועלט ארום,
שווייגענד,
שטיל און שטום.
ווי פון אן אנדער וועלט,
ווי פון אן אנדער מין,
זעהען זיי דעם האָניק—
און איך דעם—וועב פון שפּין ...

וואָס זאָל איך שרייבען?

וואָס זאָל איך שרייבען? איך—
האָב שוין אלעם פארשריבען,
אין הארצען איז ליידיק —
אין נשמה גאָרנישט פארבליבען . . .

2

געה איך ארום א פארלוירענער
אין אומעט פארטראכט,
אין די אויגען איז פינסטער,
ווי די טונקעלע נאכט . . .

3

וועק איך מיין מוזע און בעט:
שטעה אויף און ערוואך . . .
ווער כאָטש א קינדעלע, גיב—
מיר א שמייכעל,— א לאך . . .

4

און שפעטער א ווײַלע ווער ווייס?
פיליכט וועט מיר וואָס קומען?
מיך ארט ניט די געשטאלטען
צי— דערנער— צי— בלומען . . .

5

דו זינג מיר א ליד, דער—
טרויער ווי שיינקייט איז טיעף,
זאָל זיין פון שווימענדע שוואנען,
אָדער, פון א זינקענדער שיף . . .

ניט איך ...

ניט איך וועל די וועלט פארהאלטען,
ניט איך וועל זי שיקען פאַראוים,
ניט איך וועל ברייננען די קעלטען,
ניט איך וועל זי ווארעמען היים ....

2

זי וועט געהען איהר ראנד ווי די זון,
און וועט קיינמאָל פארגיין . . .
דאָ און דאָרט וועט זיך וואָלקענען,
דאָ און דאָרט וועט זיין שיין . . .

3

ניט איין פנים וועט די וועלט פארמאָגען
אזוי ווי אין פעלדער די בלומען,
דאָ און דאָרט וועט א בערגעלע זינקען,
דאָ און דאָרט וועט א בערגעלע קומען ...

דער זייגער

דער זייגער האָט שוין איינס געשלאָגען,
איך זיץ און שרייב און טראַכט,
לאַנגזאַם געהען די שעה'ן,
שטיל טרעט אָפּ די נאַכט.

2

און די נשמה אומרוהיג,
שוועבט אין די שורות מיין;
פאַר'שיכּור'ט מיר, ווי יעדער—
וואָרט—וואָלט געווען אַ בעכער וויין.

3

און די האַרץ זי קלאַפּט!
ווי יעדער וואָרט אַ שרעק!
ווי יעדער אות אַ פיינד
אַ העסליך מיאוס פלעק . . .

4

רוף איך פריינד צו זיך—
און איך זעה זיי קומען,
זעה איך בייטען פעלדער—
שיינע קוויטען בלומען . . .

אויב די וועלט?

אויב די וועלט איז א שלאכטפעלד—
און מיר זיינען די שאָף,
דאן זאָל קומען צו דער מענשהייט
אן ענד און א סוף . . .

2

זאָל פארוויסט ווערען
אלעס! אלעם ארום . . .
אזוי ווי די שלאנג,
אזוי די רייצענדע בלום.

3

א ים, א טיפער ים, זאָל—
פון דער ערד ווערען,
און זאָלען זיך דערטרינקען
די פרייד מיט די טרערען . . .

4

צום אָפגרונט דעם טיפען, וואו—
אייביק דער שטן איז דאָרט,
וואו אייביק עם פרעפעלט
דער וואסער, דעם וואָרט . . .

וואוהין?

וואוהין קען איך אנטלויפען,
וואו זאָל איך אנטלויפען?
ווען עס האלט מיך דער לעבען
מיט אייזערנע רייפען . . .

2

די אייזערנע רייפען פון צער, וואָס—
וויקלען מיך ארום ווי א שטריק,
און רופען דאָס אָן לעבען—
און רופען דאָס אָן גליק.

3

און זאָל איך אנטלויפען, וואו—
וועט זיין מיין לעצטער טראָט?
ווען מיין נשמה איז א בלאָנדזשענדע,
וואָס האָט ניט קיין גלויבען אין גאָט . . .

אין ליידען . . .

אין מיינע ליידען ווערט—
גערבווירען קאמף און שטרעבען,
אין מיינע ליידען איז דאָ—
לוסט און לעבען . . .

2

איך געה אויף באריקאדען,
און זאָג מיין וואָרט,
און טרעף אהין—
אין שלאנגען אָרט.

3

אין די הימלען הויכע,
אין זיין שפאס און שפּאָט,
אין זיין בעטויבונג—
פון א הערשאפט גאָט!

מיט מיליאַרדען שטערענדלעך

מיט מיליאַרדען שטערענדלעך,
דער בלויער הימעל אָנגעצונדען,
מיט פּורפּור וואָלקענדלעך, דער—
האָריזאָנט ארומגעבונדען . . .

2

די נאַכט איז שטיל קיין ווינט,
קיין פּרעפּעל, דרימעל! דרימעל!
נאָר פון אויבען ווי א וואַך
ווינקט אראָפּ דער בלויער הימעל.

3

ווינקט דער הימעל און די שטערען,
עפּעס זאָגען מיר די פייער-אויגען . . .
און פון א קראַפּט אַן אומבאוואוסטע
ווער איך מער און מער אהין געצויגען . . .

4

אין די הימלען ווייטע, הויכע,
אין זיין סודות ראַנד,
איך טראַכט, איך בין א זינדיקער—
מיין קומען דאָרט, וועט זיין א שאַנד . . .

5

צייל איך שטערען, צייל און צייל,
און פאַרליר פון זיי דעם צאָל,
הער איך ווי זיי שרייען: צייל—
אונז! צייל אונז! נאָך אמאָל . . .

6

און ציילענדיג אזוי דערקען איך,
מיין שטערען אויבעט דאָרט!
אוןביידע מיר צוקושען זיך
ניט זאָגענדיג א וואָרט . . .

פארלאנגען אזעלכע . . .

איך האָב צו דיר פילע פארלאנגען
וואָס קריכען ניט פון מיין קאָפּ,
וואָס שימערען פאר מיינע אויגען,
און טרעטען אויף א רעגע ניט אָפּ.

2

פארלאנגען אזעלכע וואָס זיינען א שאנד,
נאָר וואָס קען מען טאָהן אז זיי קומען . . .
זיי זיינען אין ווילדקייט ווי שלאנגען,
זיי זיינען אין ליבע ווי בלומען . . .

3

איך שלאָף ניט אמאָל און איך טראכט,
איז דאָ אין דעם פארברעכען און שאנד?
איך נעם זיי וועגען און מעסטען, איך—
זעה זיי אימער, א צווילינג באנאנד . . .

ווען דו קומסט!

ווען דו קומסט אין מיין צימער געליבטע אַט יעצט,
אין פלאמען פון ליבע רייצען מיין בלוט,
איך וואָלט דיר פון מיין ליבע דערציילט
איך האָב יעצט קוראזש און מוטה . . .

2

דאָרט שטאמלען מיינע ווערטער, און—
ווערען קיינמאָל קלאָר ניט געבראכט . . .
אביסעל וואָלט געהאָלפען מיין רייץ
און מערער די פינסטערע נאכט . . .

3

איך וואָלט דיר אין די אָרעמס גענומען,
דו וואָלסט מיינע ווערטער ווי שווייגען געטראָפן
מיר וואָלטען הייליק געפרעפעלט—
אומאָרעמט אין ליבע געשלאָפען . . .

לאָמיר אנטלויפען ...

לאָמיר אנטלויפען פון שטאָטישען לעבען,
דאָ איז א שלאכטפעלד צום טויט . . .
דאָרטען אין וואלד, דאָרטען אין פעלד,
וואקסט און עס בליהט די דופטענדע קווייט

2

מיר ביידע ווי קינדער וועלען לויפען גאלאָפּ—
געלעכטער און פרייד וועט אונז טראָגען,
אָ טייערער! ווי פּראכטפול, ווי שעהן, וועסטו—
באגייסטערט מיר ריידען און זאָגען . . .

3

אין פעלד צווישען די גראָזען—
צווישען די גרינינקע בוימער,
וועסטו זיין מיין זילבערנער קוואל—
און איך דיין געטליכער טרוימער.

4

מיר וועלען ווי קינדערלעך לויפען און שפּילען
קיינער וועט ניט מערקען און לאכען . . .
ווי פייגעלעך פריי אין גרינעם וואָלד—
אונטער דעם בלויליכען הימעל דעם פלאכען . . .

עס גײַען זיך ...

עס גײַען זיך פֿאַרלעך אַרום—
גערומט ווי צווילינג ...
אין האַרצן בײַ זיי
איז געקומען דער פֿריִלינג...

ריידען ...

איך וויל מיט דיר ריידען
אין דער פֿינסטערער נאַכט,
עס האָט אין מײַן האַרצן
אַ ים אַ צורײַצטער ערוואַכט ...

2

איך וואָלט דיר אין שטורעם
אומאַרעמט אַ פּראַכט ...
זאָל דער ים בייזער נאָך ווערן,
און מער פֿינסטערער די נאַכט ...

איך האָב טויזענד!

1

איך האָב טויזענד
גלעקער אויסגעקלונגען,
איך האָב טויזענד
ווערטער אויסגעזונגען.

2

איך האָב טויזענד
קוואלען אויסגעטרונקען,
איך האָב טויזענד
אויגען אויסגעוואונקען.

3

איך האָב טויזענד
ליבעס אויסגעשפילט,
איך האָב צו טויזענד
זאכען זיך געצילט...

4

אין ערגעץ
ניט געקומען . . .
אין ערגעץ
ניט דערשוואומען . . .

5

ווי אין מיטען ים
איך טרינק זיך אָן א וועג,
און ווייס ניט ווי—
צו קומען צו א ברעג . . .

6

איך בין א קינד,
זינג און לאך
פריילעך, און—
איך שמאך . . .

7

זאָגט מיר ווער איך בין?

!ניט אין ציטער

ניט אין ציטער פון מיין לעבען
וועל איך פון וועלט פארגיין.
און ניט אין באגריסונג—
וועל איך אָנטאָן א קרוין.

2

איך וועל ווי אלע טרוימער גיין.
צאמען, העלפען ניט א דאן!
כ׳וועל דעם בעכער אויסטרינקען
ווי דער שיכור טרינקט דעם ווין.

3

מען וועט א ווילע קרעכצען,
אין טרויער פון מיר ריידען.
און באלד וועט מען באטראכטען
מען מוז מיט לעבען ווען זיך שיידען...

איך קען דיר פייגעלע...

איך קען דיר פייגעלע,—
און ווייס דיין געזאנג,
דו ביסט א פייגעלע—
מיט גיפט פון א שלאנג.

2

דיין זינגען, דיין פליהען,
איז מיט שטן פארשטעלט,
אין דיינע ווארעמע קושען,
ליגט א פראַסטיקער קעלט.

3

דו ווילסט נאָר דעם ביסען
צו וועלכען דו צילסט ...
א מאסקע דיין פּנים
פאלשקייט דאָרט צושפּילט.

4

לאנג וועט ניט נעמען
דער טוי וועט אוועק,
און דו וועסט פארבלייבען
אין מיין הארצען א פלעק ...

ניט אין די טיפעניש!

ניט אין די טיפעניש פון מיין זעלע
וועל איך דעם פערעל זוכען . . .
און ניט אין די פארגאנגענהייט
פון די אלטע, אלטע, ברוכען . . .

2

איך וועל דעם נייען לעבען—
פאנגען, און פארצאמען.
איך וועל די נייע טרוימען—
אָנצינדען אין פלאמען.

3

איך וועל אויף בערג און טאָלען,
וואנדערען א טרוימער אין דער נאכט,
און וועל מיט פינסטערניש, דורך—
זיילען, אָנפיהרען א שלאכט . . .

4

כ'וועל דער וועלט אנטפלעקען
די סודות פון מיין גאנג,
און וועל מיט דעם דערשרעקען
די בייזע! בייזע! שלאנג . . .

טרייבט אוועק דעם שווארצען הונט

טרייבט אוועק דעם שווארצען הונט פון מיר,
פארלעשט די ליכט פון מיין צוקאָפּען,
לאָזט מיר א ווײלינקע ווי א קינד לויפען!
לויפען! מיינע קינדערשע גאלאָפּען . . . .

2

איך וויל מיין לעבען ניט אויפגעבען,
איך בין נאָך יונג! איך בין נאָך יונג!
פון מיין יוגענד ביז אָט יעצט! איז—
בלויז, איין גרויסער, גרויסער שפּרונג . . .

3

איך געדיינק מיין מאמע'ס לידעלעך, איך—
געדיינק מיין מאמע'ס ציטער איבער מיר . . .
א טרייבט אוועק! טרייבט אוועק! דעם—
שווארצען הונט, פון מיין לעבענס טיר . . .

4

זאָל ער געהען צו אלע שווארצע יאָהר,
ער האָט דאָ ניט וואָס צו טאָהן אצינד,
איך בין נאָך פול מיט לעבענס לוסט,
איך בין נאָך פול מיט לעבענס זינד . . .

5

זאָל ער געהען אהין וואו שווארצע וואָלקענס
קריכען אום ווי לעבעדיקע שלאנגען . . .
איך האָב נאָך טויזענט זאכען ניט געטאָהן
אין מיינע פארבאָרגענע פארלאנגען . . .

צארטע אויגען . . .

צארטע אויגען ליבער גליק,
וואו ביסטו אצינד? אצינד?
שפרייסטו אוים דיין בליק
מיט א וועלכען זינד?

2

ביסטו יעצט אליין! אליין!
אָדער מיט א צווייטען?
ס'איז ניט פיין, פון דיר
מיר אזוי פיעל וויה טאָהן...

3

נאָר אויב דו פיהלסט
אז דיין גליק איז דאָרט!
טו ווי אזוי דו ווילסט . . .
איך זאָג דיר ניט א וואָרט . . .

לאָז מיר דיך אומאַרמען —

לאָז מיר דיך אומארמען
און פיהלען לעבענס לוסט,
לאָז שטורעם אויפוועקען
אין מיין קראנקער ברוסט.

2

לאָז לעבען אויפוועקען,
אין מיין קראנקער זעל,
זאָל פייער אָנצינדען
דאָרט די פלאמען, העל.

3

איך וויל נאָר טראָפּענס גליק,
נאָר קנאספּען פון די בלומען
און געדולדיק ווארטען! ווארטען!
אין שווייגען און אין שטומען...

ביי דעם וואַסער

איך בין ביי דעם וואסער געזעסען
שטיל איז זיין אָטעם אָהן קלאנגען,
די הארץ אזוי ווי ביי א טויטען
אָהן וועלכע לעבענם פארלאנגען.

2

איך האָב אין זיין טיפעניש געקוקט,
געזעהען דאָרט מיין אייגענעם שטן,
איך האָב געלאכט, ער האָט געלאכט,
א געלעכטער פון ווילדע שפּאָטען.

3

איך האָב מיט מיינע אויגען—
טויזענט לעכער אויסגעבויערט,
און האָב זיין טיפעניש באטראכט
און אין הארצען איהם באדויערט . . .

4

אויפ'ן גרונט ליגט דער אָפּפאל,
דער גרונט פון וואסער איז דאָרט קויטיק...
צו זעהען דעם אייגענעם שטן, איז—
דער שווארצער אָפּגרונט אימער נויטיק...

ס׳וועט אוועק ...

ס׳וועט אוועק נאָך פילע יאָהרען, ווען—
בויגען וועט צייט, די פים און פלייצעס,
זוכען וועל איך דאַן מיין הילף!
דורך פרעמדע הילף און עצות . . .

2

איך וועל א שטעקעלע דאַן טראָגען
אין מיין רעכטער האנד,
איך וועל מיט איהם אַ ברודער ווערען
אומגעהענדיג, באנאנד, באנאנד, באנאנד.

ס׳ווערען שטערען אָנגעצונדען

ס׳ווערען שטערען אָנגעצונדען און פארלאָשען
יעדען טאָג און יעדער נאכט,
ווער עס טהוט עס, קען איך ניט באקלערען,
דאָס איז דעם הימעל׳ס אייגען מאכט . . .

2

ווען מיר דער אומעט ווילד באפאלט,
אין שווארצער פינסטערניש פון נאכט,
וואָלט איך, ווי איהר געוואָלט ווערען
און פון שווערער פינסטערניש געלאכט . . .

מיינע טרוימען!

מיינע טרוימען זיינען ווי טויבען —
זיי פליהען גיך און געשווינט,
זיי פליהען דורך שטורעמס,
זיי קומען דורך ווינט . . .

2

מיינע טרוימען זיינען פריידען—
מיינע טרוימען זיינען לייד,
זיי קומען אין אייגענע געשטאלטען—
און אָפט אין פרעמדען באקלייד.

ס׳רייסט זיך אַ ליעד

ס׳רייסט זיך א ליד פון מיין הארצען
צוזאמען מיט א שמערצליכען ווייה...
מיינע אויגען זעהען נאָר וואָלקענס—
וואָס קומען באקליידעט מיט גרוי...

2

מיינע אויגען נאָר זעהען
די בילדער פון שרעק!
פון לעבען די כמארעס,
פון שטן דעם פלעק?

ווי קען איך האָניג זוכען?

ווי קען איך האָניג זוכען?
דאָ! וואו עס איז דאָ ביטער גאל,
וואו קראהען שרייען העכער
פאר דעם פויגעל נאכטיגאל . . .

2

ווי קען מיין ליד זיין פון פרייד?
ווען די שפּראך איז טרויער,
ווען טויט קומט מיר אנטקעגען
אין זוכעניש און לויער . . .

ווען?

ווען איך קען מיינע טרוימען
אין וועלדער פארפלאנצען—
ווען איך קען מיינע בלומען
צובינדען אין קראנצען . . .

2

איך וואָלט די וועלט
מיט פראכט באצירט—
און וואָלט דעם אומעט
אהין, אהין געפיהרט!

3

זאָל ער דאָרט זעהען
דעם לעבען פארשיידען,
פרייד פאר דער יוגענד
און טרייסט פאר'ן זיידען.

4

א גן עדן א פראכטפולער
זאָל זיין יעדער בליק,
און ווערטער פון צירונג
און הערצער פון גליק . . .

דו מענש!

איך האָב דיר ליב דו מענש,
וויל דו ביסט א ברודער צו מיר,
ווען אפילו דו ביסט א פאלשער
און אָפט א ווילדער טיהר . . .

2

ווען איך נעם דיך צושרויפען,
באטראכטען מיט קלאָרקייט און זין,
זעה איך ווי דער לעבען פארדרעהט—
דיר—אין די נעצען פון שפין.

3

דו וואָלסט געווען ווי איך, ווי—
אנדערע, דער לעבען האָט פארדרייט,
דער לעבען וועקט אויף דעם מענשען—
און אָפט פיהרט ער איהם צום טויט.

גערעכטיגקייט פון וועלט

איהר נעמט צו ביי יענעם,
יענער נעמט צו ביי אייך,
עס איז פון בלוט
א פליסעדיקער טייך . . .

2

איך האָב דעם פוטער—
און דו האָסט די קעלט,
אָט אזוי איז, די—
גערעכטיגקייט פון וועלט.

3

דו האָסט א פאלאץ און—
יענער האָט א הונטען שטיבעל,
אָט אזוי איז די וועלט—
געה און האָב פאראיבעל.

4

איהר נעמט צו ביי יענעם,
יענער נעמט צו ביי אייך—
עס איז פון בלוט
א—פליסעדיקע טייך.

5

איך האָב א פוטער
און יענער האָט די קעלט,
אָט אזוי איז, די—
גערעכטיגקייט פון וועלט.

ווינטעלעך שטילינקע

ווינטעלעך שטילינקע
קושען די בלעטער,
גרעזעלעך דינינקע
בוקען צו געטער.

2

פליגעלעך קליינינקע
זשומען ארום,
בינעלעך פעטינקע
קושען די בלום.

3

וואָלקענדלעך בלייכינקע,
באקליידען דעם הימעל—
זוקעלעך שווארצינקע
ערוואכען פון דרימעל ...

מיין לעבען

מיין לעבען צאנט ווי א ליכט—
און וועט באלד פארלאָשען ווערען,
ס׳וועלען זיך א ווײלע הערען זיפצען...
ס׳וועלען זיך א ווײלע גיסען טרערען.

2

און באלד וועט אלעם שטומען,
די טרערען וועלען מעהר ניט גיסען,
שטימען וועלען לידער זינגען—
און הערצער וועלען פרייד געניסען.

3

נאָר איך א קרבון וועל אייביק ליגען
אין מיין פייכטען קבר דאָרט!
און וועל שוין מעהר צוריק ניט קומען,
מיט מיין פען און הייליג וואָרט...

מיין חלום

מיין חלום דער זיסער ווער וויים—
ווערט ער אין ווירקליך ווען קומען?
ווערט ער זייהען פאר מיר, די—
בייטען מיט דופטענדע בלומען?

2

ווערט ער בלייבען א חלום וואָס ווערט
אין לעבען קיינמאָל ערדייכט . . .
איז ער נאָר אַ סימבאָל וואָס ווערט—
אין זיינע וועגען פארבלייכט . . .

3

איז ער נאָר אַן אָנזאָג אויף שפּעטער,
פון צייטען ווען טרייסט איז אזוי נויטיק...
ווען לעבען איז א פינסטערע כמארע—
און די וועגען בלאָטיק און קייטיק ...

4

אַ חלום מיינער! פארבלייב א חלום!
קום ניט אין די אמת׳ע געשטאלטען,
לאָז מיר דיך צירען און גלעטען
פאר שפּעטער! פאר שפּעטער! באהאלטען.

5

ווען לעבען ווערט ווערען מוטנע און גרוי,
ווי אויסגעדראָשענע זאנגען אין א פעלד,
אַ דאן זיסינקער חלום קום! און—
מאך מיר נאָך שטארקער פון העלד . . .

צוויי וואָכען ניט געשריבען

איך האָב שוין צוויי וואָכען ניט געשריבען,
מיין מוזע קומט ניט מעהר צו מיר . . .
ווי פארצאמט זיינען אלע וועגען,
ווי פארשלאָסען איז די טיר . . .

2

פיהל איך זיך אזוי געקריינקט—
ווי א פארבלאָנדזעטער אין נאכט,
איך וויל זי זעהען כאָטש א וויינענדע—
וויינט זי ניט און ניט זי לאכט . . .

אין בעגינען . . .

אין בעגינען ווען דער הימעל בלויליכער
איז מיט מיליארדען שטערענדלעך בעהאַנגען,
און פון גרינעם וואלד הערט—
מען, די פייגעלשע געזאנגען . . .

2

ווערט דער שלאָף אזוי געשמאק, די—
אויגען אין דרימעל זוכען רוה . . .
און די נשמה א בייאנקענדע—
בלאָנדזעט אוועק אוואו? אוואו?

3

און הייליק ווערט א יעדער שטערען,
דער הימעל בלויליכקייט א פּראכט;
עס בייאנקט זיך נאָך א געליבטער
אין די שטן׳ס פון דער נאכט.

4

יעדער צווייגעלע ווערט א הענטעלע,
יעדער בוימעלע א געשטאלט,
יעדער פּרעפּעל אן אָנזאָג! איך—
קום צו דיר אָ ליבער באלד!!

5

און די אויגען ווערען גרעסער,
און די הארץ זי קלאפּט נאָך מעהר,
און די לייב נעמט אָן א ציטער—
ווען עס קומט דער רייץ באגער . . .

אין שטן פון בוימער

אין בין געלעגען אין שטן פון בוימער,
געוועזען אזוי געטליך פארטראכט...
די נשמה איז פרעהלעך געוועזען,
די הארץ האָט קינדיש געלאכט . . .

2

ווי מלאכים די בוימער געשטאנען,
ווי געטינס די הייליגע צווייגען,
דער ווינטעלע האָט ליעבליך געקושט
מיט ווארעמע ליפען אין שווייגען.

3

און פייגעלעך קליינינקע פארביקע
האָבען געזונגען נגונים א סך—
און בלוי איז געוועזען דער הימעל
פון שטערען לאמטערניש א דאך . . .

4

מוראשקעלעך פליגעלעך קליינינקע
האָבען געפּרעפּעלט צום אויער א סוד,
געטאנצט ווי אויף א פרעהליכער חתונה,
דעם ליעבליכען טאנץ קאראהאָד . . .

געה איך ...

געה איך אויף לינקס, זיינען—
מיר די לינקע ניט צום הארצען,
געה איך אויף רעכטס . . . זעה—
איך דאָרט דעם קאָטער שווארצען . . .

2

געה איך מיין לעבענס גאנג,
ווי א שיכור אָפט אין וואקעל,
מיט־טראָגענדיג מיט זיך
מיין אייגען ליכט און פאקעל . . .

מיין וויגעלע

ליגט נאָך דאָרט מיין וויגעלע
אויף א בוידים וואו?
זינגט נאָך דאָרט דערווינטעלע
ווי מיין מאמע א ליו ליו ליו?

2

ליגען דאָרט נאָך מיינע טריט—
די ניט פארקיהלטע?
און די צייכען שטיינדעלעך—
די ניט דערשפילטע?

3

ליגען דאָרט נאָך יענע ריטעלעך—
וואָס די מאמע פלעגט מיר שרעקען?
און דער גאלאָפירטער פערדעל—
וואָס איך פלעג מאכען פון א שטעקען?

איך בין ווי די קראַנקע פויגעל

איך בין ווי די קראנקע פויגעל,
וואָס ווערט אין וואלד פארלאָרען—
איך הער ווי עס מיאווקען קעץ—
מיט בייזקייט און מיט צער'ן.

2

קען איך מיינע פליגלען ניט צושפרייטען,
אָפּשטעלען זיך אויף א צווייגעלע א וואו?
אָפּרוהען זיך! בעזינען זיך!
אין מיין קראנקהייט, האָבען רוה.

3

ארום ווי שדים טאנצען, און—
רייצען מיך מיט ווילדען שרעקען
און מעהר און מעהר די לײדען
זיי גליווערען און וועקען . . .

4

פויזע איך אום ווי א וואָרים—
אז קיינער זאָל ניט מערקען, זעהען.
קומען פילע און פרעגען מיר:
וואָס אזוינס האָט דיר געשעהען?

5

ווער איך טויב און בלינד, ווי—
איך פארשטעה ניט זייער שפראך.
און ווי א בליץ אין וואָלקען
גיב איך פרעהלעך גאָר א לאך . . .

6

קיין זאך פריינדע, די וועג איז קייטיק,
דער וואָגען איז מיד און שווער . . .
גרינגער ווערט דער קראנקער פויגעל
ווען זי פארלירט א טרער! א טרער! . . .

איך בין ווייט אַוועק

איך בין ווייט אוועק איך זאָל דיר קענען זעהען
און זאָל וויסען וואָס ס'האָט מיט דיר געשעהען?
דאָן! ווען איך בין דאָרט ניט מעהר—
וואו עס רופט מיר מיין פרייד און טרער.

2

און קומען וועל איך דאָרט צוריק,
ווייס איך וואָס עסווארט, טרויער אָדער גליק?
דו ביסט א רעטעניש פאר מיר . . . ווי—
הינטער שלאָס און ריגעל די סודות טיר . . .

3

און פרעגען דיך ווי קען איך טאָהן?
ווען דיין וואָרט איז פארביק ווי דער בליהונג מאָן,
און דער שווייגען דריקט מיר און ער פרעסט
איך ווייס ניט וואָס ווארטען פריהלינג אָדער פרעסט?

4

אזוי געה איך ארום אין חלום צי אין וואר . . .
און טראכט! בין איך משוגה, בין איך קלאָר?
איך זיפצע און איך לאך—
איך בין צופרידען און איך שמאך . . .

5

טעג און נעכט אין וועגען פרעמדע,
אין בלאָנזעניש לעגענדע—
זוך איך דאָרט מיין לעבענס ציל,
און צאנק אין שטורעם און שוויינענד שטיל . . .

6

און ווען די צייט אונז איבערבעטען?
און וועסטו זיין נאָך דאן מיין געטין?
ווי יעצט דער פייער און דער רייץ
ווי טייכען לויפענדע וואָס ווערען איבערפלייצט . . .

גענוואלט צושמעטערען ...

איך וואלט שוין געוואלט צושמעטערען
די שעהנקייט וואס האלט מיך געשפאנט,
צו זים איז דער האניג פון פארגעטערען,
צו שטארק איז פון ליבע די האנד.

2

איך ווייק זיך אין צער און אין וועה,
דו ווארפסט מיר מעהר זאלץ אויף די וואונדען,
איך שטיק אין זיך מיין יאמער געשריי—
זיי ווערען שטארקער! שטארקער! מיט שטונדען!

3

צוברעך איך די שעהנקייט, צושמעטער די פראכט,
זאל אלעס גיין צום גרונט ווי א געפאלענער שטיין
איך גלייך ניט די ליבע ווען טיראניש זי לאכט ...
איך גלייך ניט דיין פלעכטען פון טרערען א קרוין.

איך שפּין...

איך שפּין מײַנע פעדים
פון שטראַלען, פון זון,
און נעם מײַנע דופטען,
פון שמעקענדער בלום.

2

איך נעם מײַן צױבער
פון טאָג און פון נאַכט,
פון פאַר׳חלום׳טען טרױער—
פון פּנים װאָס לאַכט.

3

איך בינד מײַנע גאַרבען
פון האָניק דעם שטריק,
און געפּין אין טראָפּענס,
ים׳ען פרײַדען און גליק...

ניט דער איז דער שטורעם...

ניט דער איז דער שטורעם
וואָס איז שוין פאַרביי,
אָט דער איז דער שטורעם—
וואָס קומט פון דאָס ניי...

2

אָט דער איז דער שטורעם
וואָס קומט שוין אין שפּעט,
וואָס ברעכט שוין די ביינער—
און לייגט שוין צום בעט...

3

אָט דער איז דער שטורעם
וואָס קומט שוין אין יאָהרען,
ווען כוח איז ערשעפּט
און קראַפט איז פאַרלאָרען...

די פרוי ניט ליבען...

איך וועל שוין באלד די פרוי ניט ליבען,
איך פיל מיין ליבע איז שוין טויט...
איך וועל די בייטען מעהר ניט זייען,
און ניט ווארטען אויפ'ן קווייט...

2

עס איז אין הארצען ווינטער! ווינטער!
און די זון איז שוין פארלאָשען...
איך האָב די פענסטער איינגעמויערט
און די טירען שוין פארשלאָסען...

שלאָף

שלאָף איין מיין קינד,
אין שטילען רוה,
ווען מאמע זינגט
א ליו ליו ליו.

2

ווען מאמע וואכט,
א ליבעם קינד דו!
ווען מאמע פרעפעלט
א ליו ליו ליו . . .

3

ווען מאמע צערטעלט
און שליסט די אויגען צו,
און זינגט א לידעלע
א ליו ליו ליו . . .

4

ווען מאמע זיפצט מיט—
אויגען פייכט ווי טוי
מיט הארץ אין צאפעל
א ליו ליו ליו . . .

5

שלאָף איין און לאָז
מיין חלום בלאָנזען וואו?
און ווערען א קינד ווי דו —
א ליו ליו ליו . . .

אַזאַ אומרוה . . .

איך וויל אזא אומרוה מעהר ניט קריגען,
אזא שטורעם מעהר ניט דערלעבען . . .
ס'האָט א שפּין מיין בלוט געזויגען,
אין זיינע נעצען מיך פארוועבען . . .

2

איך וויל א וואו אנטלויפען, פאר—
שליסען טיר, מיט שלאָס און ריגעל,
און אויפשטעלען א מאָנומענט
פון אייביגקייט א זיגעל . . .

3

אז דאָ ליגט א הארץ באגראָבען,
אין גליווער און אין קעלט!
פון ליבע א אָפּגענארטע, א—
בעטריבטע פון דער וועלט . . .

פרעג איך—

ס'האָט מיר דער אומעט באַפאלען,
איך ווייס ניט ווארום?
איך הער עס פרעפלען און שאלען
זיין וואָרט איז פארגליווערט און שטום...

2

פרעג איך דעם אומעט, וואָס—
האָט געשעהען? ער שוויינגט,
פרעג איך דאָס הארץ?
פרעפעלט, איך פיהל אז זי לאיגט . . .

3

בעט איך די נשמה . . . זאָג!
אָ ליובעצקע, זאָג זשע דו . . .
זאָגט זי מיר א סוד . . . איך! —
איך האָב אויך ניט קיין רוה . . .

4

נעהמען מיר זיךביידע ארום,
און געהען אין בלאָנדזשעט אוועק,
מיר שפרייזען די וועלטען,
אין וועלטען, פון שרעק.

5

זאָג איך נשמה'לע — לאָמיר—
ביידע געהען אויף צוריק,
וואו מיר געהען און קומען
ניטאָ דאָרט, אויך ניט קיין גליק . . .

פייער און פלאם!

מיין הארץ איז א שטורעם—
דער צונג פייער און פלאם,
די נשמה די ווינטען—
וואָס האָט ניט קיין צאם.

2

און הויבט אָן מיין הארץ קלאפּען—
וויגען זיך די בוימער צום דר'ערד,
הויבט אָן מיין צונג ריידען, איז—
ער, שארפער פון שווערד . . .

3

און הויבט אָן מיין נשמה צו בייגקען—
ווערט אין טרויער די וועלט . . .
ס'ווערט פארגליווערט דער לעבען
ווי די וואסער פון קעלט . . .

פון ליבע די צילען

מיר זיינען ביידע ווי קינדער געזעסען
פרעהליך און מונטער געלאכט...
דער טאָג איז אוועק אומגעזעהען,
ס'איז געקומען די פינסטערע נאכט.

2

מיר זיינען ניט מעהר קינדער געוועזען,
די נאכט האָט מיט שטן'ס גערייצט,
עס האָבען זיך די הערצער צו־ווארעמט
פלאמיק צוברענט, און צוהייצט...

3

מיר האָבען אין שווייגען ביידע געטראכט,
א שטורעם איז געוועזען די רוה,
וואָס שווייגסטו? זי פרעגט מיר . . .
ווארום רעדסטו ניט דו??

4

איך האָב ניט קיין ווערטער
אין נאכטיקען שטן דעם שטילען,
דו האָסט געוואוסט אונזער קומען . . .
פון ליבע כישוף די צילען . . .

דיינע אויגען בעוואונדערט...

איך האָב דיינע אויגען באוואונדערט,
דיינע באקען מיט ליבע באקושט,
איך האָב קיין וואָרט געזאָגט,
און דו האָסט אלעם געוואוסט . . .

2

דו האָסט געוואוסט אז איך ליב דיר,
און פארגעטעטער דיר הייליק און טייער,
ארום אונז איז געווען טונקעל פינסטער
דאָך, איז געווען ליכטיג ווי פייער . . .

3

דו האָסט מיט שטילע ווערטער געזאָגט:—
דיר ארט ניט דער שפעטער . . .
די ליבע איז הייליג!
ווי הייליג עס זיינען די געטער . . .

4

איך בין ווי א קינד א קראנקע
געלעגען אויף דיין קלאפענדער ברוסט,
דו האָסט מיר רחמנות געשאָנקען
און ווארעם מיינע ליפען געקושט . . .

5

איך האָב שטיל און נאריש געמורמעלט:
ווי גוט ס׳איז ווידער צו ווערען א קינד...
ס׳האָט לאנג ניט גענומען, און הייליג
איז געוואָרען אונזביידען די זינד . . .

די נאַכט ...

איך זעה אין באגינען ווי טאָג ווערט געבוירען,
און נאכט געהט אוועק מיט אומעט געמיט . . .
אזוי ווי א פארבייגעהענדער ארון
אין טרויער מיט וואקלענדע טריט . . .

2

ס'עפענט דער טאָג זיינע ברעמען
און ליכט ווערט מעהרער צושפרייט . . .
ווער וויים וואָס פון דער פינסטערער נאכט איז
געוואָרען? אפשר ליגט זי אין ארון דאָרט טויט?

איך בין שוין מיעד ...

איך בין שוין מיד צו קושען דיינע הענט און אקסלען,
און מיד צו זעהען דיין ברוגז און דיין לאך,
זיי ווערען שוין פאר מיר ערווידערט,
א בעליידיגונג, און פלאך . . .

2

און האָסטו ניט א וועלכען נייעס?
א בעווארעמטען געפיהל . . .
דאן רוף איך אונזער ליבע!
א נאריש, קינדער שפיעל . . .

ווען איך בין א קינד געוועז...

איך געדיינק יענע נעכט און טעג
וואָס זיינען שוין פון לאנג פארגאנגען,
וואָס קומען צו מיר אין פּראכט
מיט יענע הייליגע פארלאנגען . . .

2

ווען איך בין א קינד געוועזן . . .
אָהן זאָרג ארומגעלאָפען פריי,
און צו אלעם וואָס איז קינדיש
געוועזען בין איך הייליג טריי.

3

אויף די בערג געלאָפען ווי א הירש,
אויף די בוימער ווי א לעמפּערט פלינק!
אויף די וועגען שטיינדעלעך געוואָרפען
שנעל, ווי פון א אויג, דער ווינק.

4

און אָפט אזוי אין בלאָנדזען, בין—
איך אין טיפען וואלד פארגאנגען,
און באגעגענט זיך דאָרט מיט—
די גיפטיק ווילדע שלאנגען.

5

און אהיים בין איך געקומען
א מידער און פארשמאכט,
וואו די מאמע האָט זיך שוין געשראָקען
און די ברידער האָבען ווילד געלאכט.

6

אין וואלד געוועזן א ווארענע דאָרט געזוכט . . .
האָסטו זי כאָטש דאָרט געפונען?
און די מאמע האָט זיך געפרעהט, אבי—
איהר זוהנעלע איז אהיים געקומען . . .

מיר זיינען צוויי ברידער געווען ...

מיר זיינען צוויי ברידער געווען,
דער קאמף האָט אונז ביידען צושיידט,
אויף די וועגען זיינען מיר זיך צוגאנגען,
וואו שלאכטען זיינען פארשידען און ברייט.

2

יעצט שלאָגען מיר זיך אין באזונדערע רייהען
פון פארשידענע קאָלירען די בלוט,
איך בין רויט געוואָרען און דו שווארץ;
בעזונדערע קעמפע—פארשידען דער מוט.

3

מיר וועלען זיך טרעפען אויף באריקאדען!
דו וועסט צילען דיין ביקס און איך דעם שווערד,
ביידע ווי פיינד וועלען מיר וואונדען
באגיסען מיט בלוט די געטראמפעלטע ערד.

איך ליעב דעם בעגינען

איך ליב דעם באגינען, דו נאכט און די רוה,
ווען עס ווערען באקושט די בוימער מיט טוה.
ווי לאמטערניש די שטערען לייכטען אין דים
און פייגעלעך זינגען הויך אויפ'ן שטים.

2

מוראשקעלעך קליינינקע זשומען ארום,
עס עפענט די ליפען די שלאָפענדע בלום,
עס שרייט א פייגעלע אויף א צווייגעלע דאָרט,
עס ענטפערט א פייגעלע איר פייגעלשען וואָרט.

3

ווי זיי וואָלטען גוט מאָרגען געזאָגט—
ווי זיי וואָלטען דערצעהלט, באגינען ס'טאָגט:
א כאָר פון פייגלען, זשוקעס און זשאבעס,
פון זינגען, וואָרצען, פון יונגווארג און באבעס.

4

די זון א פארשעמטע, ווי די פרוי נאָך איהר זינד,
זי קושט די בוימער ווי א מאמע איהר קינד.
און טרינקט די טרערען פון ווינענדער נאכט,
עס שמייכעלט די גרעזעלע די בלומעלע לאכט...

און נאָר געהיילט . . .

און נאָר געהיילט און נאָר געזאָרגט,
וואָס טויג דער היילען און דער זאָרגען...
מאָרגען ווידער הייל זיך,
ווידער דעגה׳ן, באָרגען . . .

2

ווען וועט קומען די לויטערקייט?
ניט זיין אין צער געשפאנט . . .
ווען וועט מיר אָפּלאָזען
די שווערע לעבענס האנט?

3

ווען וועט שטורעם אויפהערען
בויגען מיר צום דר׳ערד מיין קאָפּ.
ווען וועט דלות אויפהערען
טאנצען, זיין יובעל גאלאָפּ?

4

איך בין שוין מיד פון לעבען,
און פון ראנגעל מיט מיין צער . . .
מיד פון ווערען באליידיגט
און טראָגען דעם נאָמען—נאר . . .

5

איך וויל די קייטען צושמעטערען,
ווערען זאָרגלאָז ווי א קינד,
און נעהמען אלע זיסקייטען,
ווען אפילו דאָרט איז זינד . . .

לעבען נאָך דאָרט?

לעבען נאָך דאָרט מיינע בוימער
וואָס איך האָב פארפלאנצט?
איז נאָך דאָ א וועלכער זוכר
פון מיין בלומען קראנץ?

2

האָט זיי שטורעם ניט צובראָכען,
האָט זיי פייער ניט פארברענט?
ווערען זיי נאָך יעצט געלאסצעט
ווי איך פלעג לאסצען מיט די הענט?

3

זיינען אָפען יענע גריבער
וואָס איך פלעג אריבערשפרינגען?
לעבט נאָך יענער קליינער וועלדעל,
וואו דער נאכטיגאל פלעגט זינגען?

אָפט מאָל!

אָפט מאָל וועקסטו אויף א שטורעם
אין מיין הארצען דאָרט!
און איך קען דיר ניט—
זאָגען, פון דעם קיין וואָרט . . .

2

וויל! ווער ווייס דיינע געדאנקען?
פיליכט איז דאָס דיין ציעל?
פיליכט זיינען מיינע ליידען
פאר דיר א קינדער שפיעל???

שטורעמט אין הארצען

עפּעס שטורעמט מיר אין הארצען,
עפּעס פרעפּעלט מיר דער ווינט—
איז דאָס ניט דער אָפּקלאנג
פון אן אלטען, אלטען זינד?

2

האָט ער סודות דאָרט אנטפּלעקט
פון דעם לעבען פון אמאָל?
און דערפאר איז טרויעריק זיין שטן
און וויינענדיק זיין קול??

—צויבער נאָר שרייבען

מיר האָט זיך געוואָלט—
פון צויבער נאָר שרייבען,
האָב איך ניט די פעלדער
פון וואנען צו קלייבען . . .

2

געה איך ארום, אין—
טרויער פארזאָרגט,
און זוך א ווינקעלע
וואו צויבער מען באָרגט.

3

געה איך אהין, געה איך אהער,
טיר און טויער איז געשלאָסען,
טרעף איך וואו אן אָפען טיר,
געפין איך דאָרט פארדראָסען...

און זאָל איך?

און זאָל איך אויסגיסען
מיין הארץ פאר דיר,
און זאָל איך אָפּשליסען
מיין סודות טיר?

2

אז דו זאָלסט אהין—
אריינבליקען און זעהען
וואָס דאָרט האָט פאר—
דער צייט אזוינס געשעהען . . .

3

ערשטוינט וואָלסטו געוואָרען!
און אנדערש וואָלסטו געטראַכט,
און נאָך אזעלכע שטורעמס—
וואָלסטו פון ליבע ניט געלאַכט . . .

קום!

קום צו מיר און געה קיינמאָל אװעק,
פארבלייב מיט מיר אלע יאָהרען,
און זאָל פארגעסען װערען
יענער כעס—יענער צרון.

2

מיר װעלען ביידע װי טױבען
לעבען אונזער צייט און װעלט,
באשיצען פון הייסען זומער
און בעװארעמען אין קעלט . . .

װאָס װאָלט איך?

װאָס װאָלט איך געטאָן? װען
יוגענד קומט צו מיר צוריק . . .
און שפרייט מיר אױס מיין װעג
מיט קינדהייט גליק??

2

איך װאָלט פון שרעק
געװיינט! געװיינט! געלאכט!
און װאָלט מיין יוגענד
פאר א חלום גאָר בעטראכט.

דיינע שטייגעלעך געקערט

איך האָב וויפיל מאָל
דיינע שטייגעלעך געקערט,
און האָב וויפיל מאָל
דיינע טריט געעהרט . . .

2

און וויפיל מאָל דיינע—
פינגער געקושט מיט תעם,
און געצונדען מיט דעם
מיין הארץ מיט פלאם.

3

און גלעטענדיג דיין האנד,
א הייסען טרער פארלאָרען,
שעצענדיג מיין לעבען
און שילטען מיין געבאָרען...

דאַרע בלעטעלעך . . .

ס'האָבען זיך דארע בלעטעלעך
צוגעקייקעלט צו מיינע פיס,
און ווי די קעצעלעך געלאסצעט
אין פרעפעל צארט און זיס . . .

2

איך האָב אויף זיי געקוקט
מיט בעדויער, זיי בעטראכט,
און אומגעוואָלט, געוויינט,
און אומגעוואָלט געלאכט.

3

אך בלעטעלעך פארגאנגענהייט,
ווי שוין איהר האָט געגרינט,
אך בלעטעלעך פארגאנגענהייט
פאר א וועלכען וועלכען זינד?

4

זייט איהר צו מיינע פיס געפאלען?
און קושט . . . די שטיינער פלאכע,
איך האָב אייך אימער ליעב געהאט,
און זוך יעצט אויך קיין ראכע . . .

מיינע סטרונעס

אָפט דוכט זיך מיר אז דו ביסט מיינע סטרונעס
אויף וועלכע איך שפּיעל מיינע לידער אוים,
אָפט דוכט זיך מיר אז דו ביסט דער פייער
וועלכער ווארעמט מיר, ווי שטראלען היים . . .

2

אָפט דוכט זיך מיר אז דו ביסט דער קוואל
מיט וועלכען איך לעש אין דורשט דעם פייער,
אָפט דוכט זיך מיר אז איך וויל דיר פארלירען
דו זאָלסט ווערען מעהר ליעב און טייער . . .

3

אזוי בלאָנדזע איך אום אין צער און פרייד,
און קען קיין אָרט פון רוה געפינען . . .
און רייס איך איבער מיינע סטרונעס
נעם איך נייע באלד אויסשפּינען . . .

ניט צויבער ...

ניט צויבער איז דער חלום פון מיין לעבען,
ניט פייער-ליכט איז מיין לעבענס גאנג,
איך וועל א וואו נאָך טרעפען
די בייזע! בייזע! לעבענס שלאנג.

2

איך וועל א וואו נאָך טרעפען
שווערע שטיינער אין מיין וועג,
און הינט! און וועלף וואָס לויפען
נאָך מיר, א ווילד געיעג . . .

3

איך וועל א וואו נאָך טרעפען
בארג און טאָהל און טיפען תהום,
און פילע פילע שרעקען
ביי דער טיר פון אייביגען פארגיין.

ניט איך בין די שולד

ניט איך בין די שולד
פון מיין וואָלקען דעם שווארצען,
ניט איך בין די שולד
פון מיין אומעט אין הארצען . . .

2

די ווינטען זיי בלאָזען מיט צרון
די דונערען זיי קלאפען מיט שרעק,
די וואָלקענס קומען מיט גרויקייט,
מיט אומעט, פון א פינסטערען פלעק.

3

און איך בין די שפּיגעל פון אלעס,
וואָס שטעמפּעלט זיך אָפּ אין דער וועלט,
ווי פראָסט אויף די שויבען . . .
אין ביטער פארגליווערטען קעלט.

די אירדישע מלאכים ...

איך וויל ניט שרייבען פון הימלען
די ערד איז מיר מיין פּלייז!
דאָרטען אויבען זעה איך וואָלקענס,
דאָ, די בלום צובליהטע רויז . . .

2

דאָרטען אויף די ריזען בערג
ווערט דער שניי קיינמאָל צוגאנגען,
דאָ אויף דער ערד איז דאָ!!
בעפרידיקטע פארלאנגען . . .

3

און אויב דאָרט איז דאָ א וועלכער מלאך?
איז ער הייליג און פארצערט!
דאָ די אירדישע מלאכים,
זיינען גראדע שוין פארקערט . . .

מיינע וועגען

איך וועל גיין אליין מיינע וועגען,
מעגען זיי זיין קרום אָדער גלייך,
נאָר זיינען זיי מיינע!
בין איך רייכער פון אייך!

2

איך וועל קיינעמ׳ס האנט בעטען,
איך וועל גיין מיין אייגענעם גאנג,
וואו איך וועל ווערען פון בלומען געטראָפּען
און וואו געביסען פון שלאנג.

3

איך וועל קיינעמ׳ס האנט בעטען
צו פיהרען די קלאטקע פון טייך,
בעסער צו זיין מיט אייגענע אָרעם!
איידער מיט פרעמדע גאָר רייך . . .

די שולד

ביסטו אפשר די שולד
פון מיין אומרוה אצינד?
ביסטו פרייד אָדער צער,
דאָס ווייס איך ניט קינד?

2

איך ווייס אז מיין אומרוה
האָסטו מיר געבראַכט,
איך ווייס אז איך שלאָף ניט
די גאַנצענע נאַכט . . .

3

צי פאר דעם וואָס דו—
ביסט פראכטפול און שיין?
צי פאר דעם וואָס איך!—
דארף שלאָפען אליין?

אָרעם און קראַנק

איך האָב פון דיר שרייבען געוואָלט
ביסטו ניט געקומען אין געדאנק,
און טאָמער האָב איך דיך געזעהען
ביסטו געוועזען, אָרעם און קראנק . . .

2

מיין פען איז געוועזען מיט איוועל פארהילט,
מיין הארץ מיט ביטערען פיין . . .
און דו וואָלסט פאר מיר ניט געוועזען
דער פאר׳שיכור׳טער וויין . . .

3

פיליכט וואָלט איך דיך פארשריבען
מיט א וועלכענדען שאנד?
און עס וואָלט מיר שפעטער געוויטיגט
מיט א שרעקליכען בראנד . . .

4

דו וועסט קיין פאראיבעל ניט האָבען,
אזוי האָט געטראָפען נאָר נעכטען . . .
ס׳איז בעסער אז מיר טרעפען זיך ניט!
אין אזא איבערלעבונג, א שלעכטען . . .

אין שפעטער! אין שפעטער!

וואו וועל איך קומען אין שפעטער
ווען אלטקייט וועט קומען בעפאלען??
און וועלכע פייגעלעך וועלען—
דאן לידעלעך שאהלען??

2

ניט זיין וועט קיין פייגעלעך,
נאָר די שטימע פון א שווארצענער קראה,
און דער זייגער וועט אנדערש דאן שלאָגען
זיין אָנזאָג פון שאָה . . .

3

און וואָלקענס וועלען אנדערש דאן מאָלען
די הויכקייט דאָרט,
און אנדערש וועלען מענשען ריידען
דעם געפרעפעלטען וואָרט.

4

קיין טרייסט וועט ביי קיינעם ניט זיין,
קיינער וועט ניט געבען א ציטער,
עס וועלען זיך וויגען טרויעריק קעפ,
און פרעפלען די עלטער איז ביטער . . .

5

שטיל ווי א גנב זיינען די יאָהרען געקומען,
מיט קנייטשען און קארבען . . .
זיי זיינען די שורות פון טויטליכען אָנזאָג,
אלטיטשקער! דו מוזט דאָך באלד שטארבען.

איך גיי ניט

איך גיי ניט מיט האָר פארלאָזטע,
און די קאָפּ פארריסען הויך,
און איך לויף ניט און איך שפּרינג—
ניט, ווי די וואסער אין א טייך...

2

איך שרייב זיך שטיל בעשיידען,
גיי ניט אום מיט גלאָקען קלאנגען...
און זאָג ניט אז עס קומט מיר
בעכערס וויין, און גאָלדען זאנגען...

3

שרייב זיי אָן און לייג אוועק,
ווי דער צדיק נאָר פאר שפּעטער,
און איך בוק זיך ניט צו זיי
ווי זיי זיינען מיינע געטער...

4

קומט א צייט איך קוק זיי איבער
און פאררײַכט אין זיי די גרייזען,
לייג וואו צו א וואָרט מיט ציטער!
גיב מעהר חן און בעסער שפּייזען.

5

בערג מיט לידער אָנגעשריבען,
און הער נאָך אלץ ניט אויף...
ווען יענע לידער גאָר די ערשטע!
ווערען מיר, באלד פרעמד, און בלייך...